# פאַרְלִיר
# דִיךְ נִישְׁט!

היכל הקודש

צו באקומען די און אנדערע ספרים און קונטריסים:

**היכל הקודש קרית ברסלב ליבערטי**
Heichal Hakodesh
Kiryas Breslev
181 Huschke Road
Liberty NY 12747

**היכל הקודש וויליאמסבורג**
Heichal Hakodesh
Williamsburg
27 Skillman Street
Brooklyn NY 11205
1-718-384-1652

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Hayes Ct.
Monroe NY 10950
1-845-467-5299

**היכל הקודש קרית יואל**
Heichal Hakodesh
Kiryas Joel
8 Premishlan Way.
Monroe NY 10950
1-845-243-0563

**היכל הקודש בארא פארק**
Heichal Hakodesh
Boro Park
1011 41 Street
Brooklyn NY 11219
1-718-384-1652

**היכל הקודש מאנסי**
Heichal Hakodesh
Monsey
32 Dolson Road
Monsey NY 10952
1-347-733-7551

Visit Our Web Site:
www.BreslevCenter.com

---

צו הערן נאך הערליכע שיעורים פון מוהרא"ש זי"ע
ווי אויך שיעורים פונעם ראש ישיבה שליט"א,
און נאך אנדערע שיעורים, ביטע רופט:

**קול ברסלב**
**212-444-9191**

**חיזוק פאר די אידישע שטוב**
**212-444-9169**

**חיזוק יומי**

**צו באקומען די חיזוק יומי**

**אימעיל**
chizikyomi@gmail.com

**טעלעפאון מעסידזשינג**
347-630-2876

בעזהשי"ת

## קונטרס

# פַארְלִיר דִיךְ נִישְׁט

עֶס אִיז מְחַזֵק אַ מֶענְטְשׁ זִיךְ נִישְׁט צוּ פַארְלִירְן אֲפִילוּ אִין דִי שְׁוֶוערְסְטֶע מַצָבִים, אוּן וַוייזְט אִים דֶער וֶועג וִוי אַזוֹי אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן זַיין פְּלָאנְטֶער, סְפֶּעצִיעֶל וֶוער עֶס אִיז אִין אַ שְׁוֶוערְן גֶעלְט מַצָב.

***

דָאס אִיז אַ ווָאוּנְדֶערְלִיכֶע שִׁיעוּר,
גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן דוּרְךְ

## כְּבוֹד קְדוּשַׁת הָרַב הַצַדִיק מוֹהֲרָא"שׁ זי"ע

לֵיל שִׁשִּׁי מִקֵץ (חֲנֻכָּה) תשע"ד

אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען אִין אוּנְז דִי רֵיינֶע אוּן קְלָארֶע אֱמוּנָה אִין בַּאשֶׁעפֶער, וִוי אוֹיךְ עֵצוֹת אוּן הִתְחַזְקוּת וִויאַזוֹי אַדוּרְךְ צוּ גֵיין דֶעם לֶעבְּן בְּשָׁלוֹם.

***

גֶעבּוֹיעֶט אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן אוּנְזֶער הֵיילִיגֶער אוּן פָארְכְטִיגֶער רֶבִּי, דֶער בַּאהַאלְטֶענֶע לִיכְטִיגְקֵייט, דֶער הֵיילִיגֶער הוֹיכֶער לִיכְט, אֲדוֹנֵנוּ, מוֹרֵינוּ וְרַבֵּינוּ

## רַבִּי נַחְמָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן אוֹיף דִי וֶוערְטֶער פוּן זַיין תַּלְמִיד, מוֹרֵינוּ הַגָאוֹן הַקָדוֹשׁ, אַ ווָאוּנְדֶערְלִיכֶע לִיכְט, וָואס קֵיין שׁוּם בַּאהֶעלְטֶענִישׁ אִיז נִישְׁט פַארְהוֹילְן פוּן אִיהְם,

## רַבִּי נָתָן מִבְּרֶסְלֶב, זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ

אוּן צוּזַאמְגֶעפְלָאכְטְן מִיט פְּסוּקִים פוּן תּוֹרָה, נְבִיאִים, כְּתוּבִים, אוּן מַאֲמָרִים פוּן אוּנְזֶערֶע הֵיילִיגֶע חֲכָמִים פוּן גְמָרָא אוּן מִדְרָשִׁים אוּן הֵיילִיגְן זוֹהַר.

# פַּאְרְלִיר
# דִיךְ נִישְׁט

### א.

**יָא... דִיר דַארְף טַאקֶע דֶער בַּאשֶׁעפֶער!**

הָאסְטוּ שׁוֹין גֶעשְׁפִּירְט אַמָאל בַּיי זִיךְ: אִיךְ בִּין גָארְנִישְׁט וֶוערְד! אִיךְ טוֹיג אוֹיף גָארְנִישְׁט! אַלֶץ בִּין אִיךְ אַ דוּרְכְפַאל! מִסְתָמָא אֵיינְמָאל זִיכֶער אוֹיב נִישְׁט שְׁטֶענְדִיג... יֶעדֶער מֶענְטְשׁ פִּילְט אַמָאל אַזוֹי אִין לֶעבְּן, אָבֶער פוּן וואוּ קוּמְט דָאס? מֵיינְסְטוּ אַז עֶס אִיז טַאקֶע אֶמֶת אַז דוּ בִּיסְט גָארְנִישְׁט וֶוערְד? הוּנְדֶערְט פְּרָאצֶענְט אַז נִישְׁט! פַּארְוָואס? וַוייל יֶעדֶער אִיד אִיז זֵייעֶר חָשׁוּב אוּן טֵייעֶר בַּיים בַּאשֶׁעפֶער, יֶעדֶער אִיד אִיז וִוי אַן אֵיינְצִיג קִינְד בַּיים בַּאשֶׁעפֶער, יֶעדֶער אִיד אִיז וִוי דֶעם קֶענִיגְס אַ קִינְד, וִוי דִי גְמָרָא זָאגְט (שַׁבָּת קיא ע״א): כָּל יִשְׂרָאֵל בְּנֵי מְלָכִים הֵן - אַלֶע אִידְן זֶענֶען קֶענִיגְלִיכֶע קִינְדֶער.

**דִי קוּנְסְטְלִיכֶע אַרְבֶּעט פוּנֶעם סַמֶ״ךְ-מֶ״ם**

אוֹיב אַזוֹי פַּארְוָואס פִּיל אִיךְ מִיךְ אֵייבִּיג אַזוֹי גֶעפַאלְן אוּן אוּמְטוֹיגְלֶעך? דָאס אִיז אַ גֶעלוּנְגֶענֶע אַרְבֶּעט פוּנֶעם סַמֶ״ךְ-מֶ״ם...! דֶער סַמֶ״ךְ-מֶ״ם אַרְבֶּעט בִּיטֶער אוּן שְׁוֶוער אַרַיינְצוּבְּרֶענְגֶען אִין אַ אִיד אַ צוּבְּרָאכֶענְקֵייט אוּן אַ גֶעפַאלֶענְקֵייט, עֶר זָאל שְׁפִּירְן אַז עֶר אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְד, שְׁטֶענְדִיג זָאל עֶר טְרַאכְטְן אַז נָאר יֶענֶער אִיז חָשׁוּב

און טַייעֶר, נָאר יֶענֶעם גֵייט גוּט, דָאס גֵייט אוֹיף אַזוֹי וַוייט אַז עֶס דַאכְט זִיךְ אִים אַז פַאר אַ גוֹי גֵייט בֶּעסֶער, דֶער גוֹי אִיז חָשׁוּב אוּן אַרוֹיפְגֶעקוּקְט, בִּיז עֶר טְרַאכְט אַז עֶס וֶועט אִים בֶּעסֶער זַיין אַז עֶר לָאזְט חַס וְשָׁלוֹם אָפּ זַיין אִידִישְׁקַייט און לֶעבְּט אַן הֶפְקֵר'דִיג לֶעבְּן, אָבֶער אֲפִילוּ וֶוער עֶס אִיז קְלוּגֶער פוּן דֶעם אָפְּצוּלָאזְן אִידִישְׁקֵייט, עֶר וִויל בְּלַייבְּן אַ עֶרְלִיכֶער אִיד, דָאךְ דְרֵייט זִיךְ אִים אַרוּם אִין קָאפּ פַארְשִׁידֶענֶע גֶעדַאנְקֶן אוֹיף דִי אֶמֶת'ע עֶרְלִיכֶע אִידְן פוּנֶעם דוֹר, עֶס קוּקְט אִים אוֹיס אַז דִי צַדִיקִים זֶענֶען אַרָאפְּגֶעקוּקְט, זֵיי הָאבְּן רְדִיפוֹת וְכוּ', וְוידֶער פָּשׁוּטֶע שְׁטְרִיקֶעס וָואס וֵוייסְן נִישְׁט גָארְנִישְׁט אוּן קֶענֶען נִישְׁט גָארְנִישְׁט זֵיי זֶענֶען גְרוֹיס, זֵיי הָאבְּן כָּבוֹד, יֶעדֶער הַאלְט פוּן זֵיי, קֵיינֶער קְרִיגְט נִישְׁט אוֹיף זֵיי, דָאס צוּבְּרֶעכְט אִים זֵייעֶר שְׁטַארְק און בְּרֶענְגְט אִים אַרַיין צוּמִישְׁטֶע גֶעפִילְן אִיבֶּער דִי אֶמֶת'ע עֶרְלִיכֶע אִידְן, אָבֶער אֲפִילוּ אַז אֵיינֶער אִיז שׁוֹין יָא שְׁטַארְק בַּיי זִיךְ נִישְׁט זִיךְ צוּטוּהן מַאכְן פוּן דִי אוֹיסֶערְלִיכֶע בְּלִיק, עֶר זֶעהט יָא וֶוער עֶס זֶענֶען דִי אֶמֶת'ע עֶרְלִיכֶע אִידְן, און וָואסְפַארַא גוּט לֶעבְּן זֵיי הָאבְּן, פַארְדְרֵייט אִים דֶער סַמֶ"ךְ-מֶ"ם וַוייטֶער דֶעם קָאפּ: אָבֶער דוּ אַלֵיינְס בִּיסְט שׁוֹין דֶערְנָאךְ, דוּ הָאסְט אַ נִידְרִיגֶע נְשָׁמָה, דוּ קוּמְסְט פוּן אַ פָּשׁוּטֶ'ע מִשְׁפָּחָה, דוּ בִּיסְט גָארְנִישְׁט וֶוערְד... דִי אַרְבֶּעט פוּנֶעם סַמֶ"ךְ-מֶ"ם אִיז שְׁטֶענְדִיג צוּ פַארְטוֹישְׁן דֶעם בֶּן מֶלֶךְ מִיטְן בֶּן שִׁפְחָה (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה יא), אַ מֶענְטְשׁ פִילְט בַּיי זִיךְ וִוי עֶר אִיז נִישְׁט מֶער וִוי אַ קִינְד פוּן אַ שִׁפְחָה, דֶערְפַאר גֵייט אִים נֶעבֶּעךְ אִיבֶּער אַזוֹיפִיל צָרוֹת, וַוייל אַלֶע צָרוֹת וָואס כְּלַל יִשְׂרָאֵל לַיידְט בְּמֶשֶׁךְ דֶעם לַאנְגְן גָלוּת, אוּן אַלֶע צָרוֹת וָואס יֶעדֶע מֶענְטְשׁ עֶקְסְטֶער לַיידְט, קוּמְט נָאר פוּן דֶעם וָואס דֶער סַמֶ"ךְ-מֶ"ם פַארְטוֹישְׁט צְווִישְׁן דֶעם אֶמֶת און דֶעם שֶׁקֶר, סַיי אַז מֶען זֶעהט נִישְׁט דִי חֲשִׁיבוּת פוּן אִידְן, און צְווִישְׁן אִידְן זֶעהט מֶען נִישְׁט דִי חֲשִׁיבוּת פוּן דִי אֶמֶת'ע עֶרְלִיכֶע אִידְן, און יֶעדֶער מֶענְטְשׁ פַאר זִיךְ זֶעהט נִישְׁט זַיין אֵייגֶענֶע חֲשִׁיבוּת (עַיֵּין לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת, בִּרְכַּת הַשַּׁחַר, הֲלָכָה ג).

### דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער פַארְלָאזְט נִישְׁט דִי עֶרְלִיכֶע אִידְן

חֲנֻכָּה הָאבְּן דִי חַשְׁמוֹנָאִים בַּאזִיגְט דִי יְוָנִים, דִי יְוָנִים הָאבְּן גֶעוֶועלְטִיגְט אוֹיף דִי אִידְן מִיט אַ מוֹרָא׳דִיגֶע שְׁטַארְקֵייט, בִּיז עֶס הָאט אוֹיסְגֶעקוּקְט אַז זֵיי זֶענֶען דֶער עִיקָר, אַלֶעס וֶוענְדְט זִיךְ חַס וְשָׁלוֹם ווִי אַזוֹי זֵיי בַּאשְׁלִיסְן, זֵיי הָאבְּן אוּנְטֶערְדְרוּקְט דִי אִידְן מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת, אוּן נִישְׁט גֶעלָאזְט דֶערְמַאנֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטֶענְס נָאמֶען (רֹאשׁ הַשָּׁנָה יח ע״ב), אַזוֹי וַוייט אַז זֵיי הָאבְּן גֶעהֵייסְן אוֹיפְשְׁרַייבְּן אוֹיף דִי הָארְן פוּנֶעם אָקְס אַז מֶען הָאט חָלִילָה נִישְׁט קַיין חֵלֶק אִין בַּאשֶׁעפֶער (בְּרֵאשִׁית רַבָּה פַּרְשָׁה ב, אוֹת ד), אַזוֹי הָאבְּן זֵיי טוּנְקְל גֶעמַאכְט דִי אוֹיגְן פוּן אִידְן (שָׁם), דָאךְ הָאט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעהָאלְפְּן מִיט מוֹרָא׳דִיגֶע נִיסִים חוּץ לְדֶרֶךְ הַטֶבַע, אוּן עֶר הָאט אִיבֶּערְגֶעגֶעבְּן אַלֶע יְוָנִים אִין דִי הֶענְט פוּן דִי קְלֵיינֶע הַייפֶעלֶע עֶרְלִיכֶע אִידְן, צוּ וַוייזְן אַז מִיר זֶענֶען בֶּאֱמֶת דִי קֶענִיגְס קִינְדֶער, אוּן בֶּאֱמֶת אִיז דִי גַאנְצֶע וֶועלְט אוּנְטֶער דִי עֶרְלִיכֶע אִידְן.

### דִי רְשָׁעִים פַארְלֵייגְן זִיךְ אוֹיךְ אוֹיף דִי פִּיצֶעלֶעךְ

אִיךְ הָאבּ אַמָאל גֶעהֶערְט פוּן אַ אַלְטְן אִיד רֶבִּי מֶענְדְל רָאטֶענְבֶּערְג זִכְרוֹנוֹ לִבְרָכָה, וָואס עֶר הָאט נָאךְ גֶעהֶערְט אִין אוּמַאן פוּן אַן אַלְטְן אִיד אַ תַּלְמִיד פוּן הֵיילִיגְן רֶבִּי נָתָן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ, הָאט עֶר עֶרְקְלֶערְט (אֶפְשָׁר הָאט עֶר דָאס נָאכְגֶעזָאגְט פוּן רֶבִּי נָתָן זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ): פַארְוָואס הָאבְּן דִי יְוָנִים פוּנְקְט גֶעהֵייסְן אוֹיפְקְרִיצְן אוֹיף דִי הֶערְנֶער פוּן אַן אָקְס אַז מֶען הָאט נִישְׁט קַיין שַׁייכוּת חַס וְשָׁלוֹם מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן? נָאר אַמָאלִיגֶע צַייטְן פְלֶעגְט מֶען נוּצְן אַ שׁוֹפָר צוּ גֶעבְּן טְרִינְקְן מִילְךְ פַאר אַ קְלֵיין קִינְד, מֶען הָאט אַרַיינְגֶעגָאסְן פוּן דִי בְּרֵייטֶע זַייט אוּן פוּן דִי שְׁמָאלֶע זַייט הָאט דָאס קִינְד גֶעטְרוּנְקֶען (עַיֵּין שַׁבָּת דַף לה ע״ב); דֶערְפַאר הָאבְּן זֵיי גֶעוָואלְט אַז אֲפִילוּ גָאר קְלֵיינֶע קִינְדֶער וָואס זֵייגְן נָאךְ אוּן טְרִינְקְן פוּן אַ בָּאטְל זָאלְן אוֹיךְ צוּקוּקְן וֶוערְטֶער אַקֶעגְן דִי אֱמוּנָה חַס וְשָׁלוֹם.

**וָואס זֶענֶען דִי פְּרָאקְלַאמֶען**

נָאךְ אַ שֵׁיינֶע דֶערְהֶער הָאבּ אִיךְ גֶעזֶעהן אִין אַ סֵפֶר אַז אַמָאל אִיז דֶער עִיקָר אַרְבֶּעט גֶעוֶוען מִיט אַ אָקְס, מִיטְן אָקְס הָאט מֶען גֶעאַקֶערְט, מִיטְן אָקְס פְלֶעגְט מֶען פָארְן, דֶערְפַאר הָאבְּן זֵיי אַרוֹיפְגֶעקְרִיצְט אוֹיפְן הָארְן פוּנֶעם אָקְס, אַז עֶס זָאל כַאפְּן יֶעדֶענְס אוֹיג אוּן יֶעדֶער זָאל זֶעהן קֶעגְן דִי אֱמוּנָה, אַז חָלִילָה ״אֵין לָכֶם חֵלֶק בֶּאֱלֹקֵי יִשְׂרָאֵל״.

**מֶען גֵייט אָנְהֵייבְּן אִיבֶּערָאל שְׁרַייבְּן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן**

אָבֶּער וֶוען דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהָאלְפְן מֶען הָאט בַּאזִיגְט דִי יְוָנִים הָאט מֶען מְתַקֵן גֶעוֶוען (רֹאשׁ הַשָּׁנָה שָׁם), אַז מֶען זָאל שְׁטֶענְדִיג דֶערְמַאנֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטֶענְס נָאמֶען, אוֹיף יֶעדֶע שְׁטַר זָאל מֶען שְׁרַייבְּן בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם, בְּסִיַעְתָּא דִשְׁמַיָא; פּוּנְקְט פַארְקֶערְט ווִי זֵיי הָאבְּן גֶעוָואלְט אַז מֶען זָאל נִישְׁט רֶעדְן פוּן בַּאשֶׁעפֶער כְּדֵי מֶען זָאל פַארְגֶעסְן פוּן בַּאשֶׁעפֶער, וֶועט מֶען יֶעצְט דַוְקָא רֶעדְן וָואס מֶער פוּן בַּאשֶׁעפֶער אוּן שְׁטֶענְדִיג דֶערְמַאנֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, אוּן אַזוֹי אַרוּם וֶועט מֶען אֵייבִּיג גֶעדֶענְקְן פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַזוֹי ווִי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב, סִימָן מד): אֱמוּנָה וֶוענְדְט זִיךְ אִין דִי מוֹיל פוּן אַ מֶענְטְשׁ, אַז מֶען רֶעדְט פוּן אֱמוּנָה אִיז מֶען זוֹכֶה צוּ אֱמוּנָה, ווִי דֶער פָּסוּק זָאגְט (תְּהִלִּים פט, ב): ״אוֹדִיעַ אֱמוּנָתְךָ בְּפִי״ – מִיט מַיין מוֹיל וֶועל אִיךְ מְגַלֶה זַיין דִי אֱמוּנָה; דָוִד הַמֶלֶךְ זָאגְט (שָׁם קטז, י): ״הֶאֱמַנְתִּי כִּי אֲדַבֵּר״ – אִיךְ גְלֵייבּ אִינֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וַוייל אִיךְ רֶעדְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן. אֲפִילוּ אוֹיבּ יֶעצְט אִיז עֶר נָאךְ וַוייט פוּן וָואס עֶר רֶעדְט, אָבֶּער אוֹיבּ לָאזְט עֶר נִישְׁט נָאךְ אוּן עֶר רֶעדְט שְׁטֶענְדִיג פוּן בַּאשֶׁעפֶער וֶועט עֶר סוֹף כָּל סוֹף צוּקוּמֶען צוּ דֶעם, וַוייל פוּן וָואס אַ מֶענְטְשׁ רֶעדְט דָאס צִיעֶט עֶר אַרוֹיף אוֹיף זִיךְ, אוּן אַז עֶר רֶעדְט שְׁטֶענְדִיג פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בְּרֶענְגְט עֶר אַרָאפּ כִּבְיָכוֹל דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן דָא אוֹיף דֶער וֶועלְט (עַיֵּין בְּרֵאשִׁית רַבָּה פָּרָשָׁה נט, אוֹת ח).

**אוֹיבּ רֶעדְסְטוּ פוּן בַּאשֶׁעפֶער טְרַאכְסְטוּ פוּן בַּאשֶׁעפֶער**

בַּיי יוֹסֵף הַצַדִיק גֶעפוּנֶען מִיר (בְּרֵאשִׁית לט, ג) אַז זַיין הַאר פּוֹטִיפַר הָאט גֶעזֶעהן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז מִיט אִים. שְׁטֶעלְט זִיךְ אַ פְרַאגֶע וְוִי אַזוֹי הָאט דֶער טָמֵא׳נֶער גוֹי דֶער מִצְרִי דָאס גֶעקֶענְט זֶעהן? זָאגְט רַשִׁ״י (מִבְּרֵאשִׁית רַבָּה פַּרְשָׁה פו, ה): ״שֵׁם שָׁמַיִם שָׁגוּר בְּפִיו״ – יוֹסֵף הַצַדִיק הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶערֶעדְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן; אוּן אַז מֶען רֶעדְט פוּנֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן אִיז אַ סִימָן אַז פוּן דֶעם טְרַאכְט מֶען אוּן אַז מֶען אִיז שְׁטֶענְדִיג בַּיים אֵייבֶּערְשְׁטְן, וַוייל פוּן וָואס אַ מֶענְטְשׁ טְרַאכְט דָארְט אִיז דֶער גַאנְצֶער מֶענְטְשׁ, אוּן פוּן דֶעם מוּז עֶר רֶעדְן (לִקוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק א, סִימָן כא).

**ווִילְסְטוּ הָאבְּן הַצְלָחָה? דֶערְמַאן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן!**

אַז אַ מֶענְטְשׁ דֶערְמַאנְט שְׁטֶענְדִיג דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן הָאט עֶר הַצְלָחָה אִין וָואס עֶר טוּט, דֶער שְׁלָ״ה הַקָדוֹשׁ טַייטְשְׁט (עַיֵין שַׁעַר הָאוֹתִיוֹת, אוֹת אֱמֶת וֶאֱמוּנָה) דֶעם פָּסוּק (מִשְׁלֵי יט, כא): ״רַבּוֹת מַחֲשָׁבוֹת בְּלֶב אִישׁ״ – אַ מֶענְטְשׁ הָאט אַסַאךְ פְּלֶענֶער אִין הַארְץ, אָבֶּער וָואס אִיז דִי עֵצָה עֶס זָאל מַצְלִיחַ זַיין? פִּירְט דֶער פָּסוּק אוֹיס: ״וַעֲצַת ה׳ הִיא תָקוּם״ – אַז דוּ וֶועסְט גֵיין מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטֶענְס עֵצָה פוּן ׳הִיא׳, וָואס אִיז רָאשֵׁי תֵּיבוֹת ׳אִם יִרְצֶה הַשֵׁם׳, דַאן וֶועסְטוּ הָאבְּן הַצְלָחָה. וֶוען אַ אִיד דֶערְמַאנְט בַּיי יֶעדֶע זַאךְ: אִם יִרְצֶה הַשֵׁם, בְּעֶזְרַת הַשֵׁם, מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטֶענְס הִילְף, וֶועט עֶר הָאבְּן הַצְלָחָה, אָבֶּער אוֹיבּ דֶערְמַאנְט עֶר נִישְׁט דֶעם בַּאשֶׁעפֶערְס נָאמֶען וֶועט עֶר בַּיי דֶעם נִישְׁט הָאבְּן קַיין הַצְלָחָה, וַוייל אָן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן קֶען מֶען נִישְׁט הָאבְּן הַצְלָחָה אִין לֶעבְּן.

**דַאנְק דֶעם בַּאשֶׁעפֶער וֶועסְטוּ שְׁפִּירְן עוֹלָם הַבָּא**

וֶועגְן דֶעם אִין דִי חֲנֻכָּה טֶעג וֶוען מֶען גֶעוואוֹינְט זִיךְ אַיין צוּ דַאנְקְן אוּן לוֹיבְּן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן צוּ דֶערְמַאנֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּיי

יֶעדֶע זַאךְ אִין לֶעבְּן, אוּן אֲפִילוּ וֶוען מֶען הָאט נָאךְ צָרוֹת זָאגְט מֶען אוֹיךְ: "דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט זִיכֶער הֶעלְפְן, מֶען וֶועט בְּעֶזְרַת הַשֵּׁם אַרוֹיסְגֵיין פוּן דִי צָרוֹת"; אוּן אַזוֹי דֶערְמַאנְט מֶען דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּיי יֶעדֶע אֵיינְצִיגְסְטֶע זַאךְ, דוּרְכְדֶעם בַּאקוּמְט מֶען אַן אַנְדֶער סָארְט לֶעבְּן, אַ לֶעבְּן פוּל מִיט גֶעשְׁמַאק, בִּיז מֶען שְׁפִּירְט דִי זִיסְקַייט פוּן עוֹלָם הַבָּא נָאךְ אוֹיף דֶער וֶועלְט (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן ב), וַוייל אַז מֶען בְּרֶענְגְט אַרַיין דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן בַּיי יֶעדֶע פְּרַט אִין לֶעבְּן הָאט מֶען זֵייעֶר אַ בַּא'טַעמְ'טֶע לֶעבְּן (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָנִים לב, נג, קב), אוּן וָואס מֶער מֶען אַנֶערְקֶענְט דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אַלְץ מֶער דַאנְקְט מֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, אַזוֹי אוֹיךְ וָואס מֶער מֶען דַאנְקְט דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אַלְץ מֶער אַנֶערְקֶענְט מֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, אַזוֹי וִוי חֲזַ"ל זָאגְן (יַלְקוּט שְׁמוֹת פֶּרֶק טו, רֶמֶז רנד): אַ מֶענְטְשׁ וֶועט נִישְׁט זָאגְן קַיין שִׁירָה נָאר אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט אִים גֶעטוּהן אַ נֵס, אוּן אַז עֶר זָאגְט שִׁירָה אִיז אִים דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער מוֹחֵל אַלֶע עֲבֵירוֹת אוּן עֶר אִיז זוֹכֶה צוּ רוּחַ הַקוֹדֶשׁ (עַיֵּין יְרוּשַׁלְמִי סוֹטָה דַף כד ע"ב), דָאס הֵייסְט עֶר בַּאקוּמְט אַן אַנְדֶער סָארְט שֵׂכֶל, עֶר בַּאקוּמְט אַ הֵיילִיגֶע שֵׂכֶל (עַיֵּין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן כא), וַוייל אַ אִיד וָואס הָאט אֱמוּנָה אִין בַּאשֶׁעפֶער אִיז זַיין גַאנְצֶע מוֹחַ אַנְדֶערְשׁ.

## אַ אִיד אָן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער הָאט נִישְׁט קַיין לֶעבְּן

פַארְקֶערְט אוֹיךְ אָן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אִיז דִי לֶעבְּן זֵייעֶר זֵייעֶר בִּיטֶער, אַ אִיד אָן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער קֶען נִישְׁט הָאבְּן קַיין לֶעבְּן, מֶען פִילְט זִיךְ אִינְגַאנְצְן צוּקְלַאפְּט אוּן דֶערְבִּיטֶערְט, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (לִיקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן רעד), אַז דִי אֶפִּיקוֹרְסִים הָארֶעוֶוען אַגַאנְץ לֶעבְּן אַרוֹיסְצוּנֶעמֶען פוּן זִיךְ דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, כְּדֵי צוּ זַיין רוּאִיג וֶוען זֵיי טוּעֶן אַן עֲבֵירָה, אָבֶער עֶס גֵייט זֵיי נִישְׁט, וַוייל דִי נְשָׁמָה פוּן אַ אִיד אִיז אַ שְׁטִיק אֱמוּנָה, אוּן אֲפִילוּ וֶוען עֶר שְׁטֶעלְט שׁוֹין אוֹיף אַגַאנְצֶע טֶעאָרִיֶע אַקֶעגְן דִי אֱמוּנָה גֶעבְּט אִים דִי נְשָׁמָה פְּלוּצְלִינְג אַ שָׁאקֶל:

אֶפְשָׁר אִיז דָאךְ דָא אַ בַאשֶׁעפֶער. אוּן זַיין גַאנְצֶע גֶעבֵּיידֶע אַקֶעגְן דִי אֱמוּנָה פַאלְט אַיין, אוּן עֶר דַארְף אָנְהֵייבְּן פוּן פְרִישׁ... אוּן אַזוֹי גֵייט דָאס נָאכְאַמָאל אוּן נָאכְאַמָאל.

**וָואס ווִילְסְטוּ פוּן דִי פְרוּמֶע?**

פוּן דֶעם נֶעמְט זִיךְ טַאקֶע דִי גְרוֹיסֶע הַאס וָואס אַ פְרַייעֶר הָאט וֶוען עֶר זֶעהט אַ פְרוּמֶען אִיד, מִיט וָואס בַּאדֶערְט דִיר דֶער פְרוּמֶער? אַז דוּ ווִילְסְט נִישְׁט גֵיין ווִי אִים גֵיי נִישְׁט ווִי אִים, אָבֶּער וָואס ווִילְסְטוּ פוּן אִים? נָאר חַזַ״ל זָאגְן (פְּסָחִים מט ע״ב): עַמֵי הָאַרְצִים הָאבְּן מֶער פַיינְט תַּלְמִידֵי חֲכָמִים ווִי גוֹיִם הָאבְּן פַיינְט אִידְן; אוּן וָואס מֵיינְט אַן עַם הָאָרֶץ? אֵיינֶער וָואס זָאגְט נִישְׁט קַיין קְרִיאַת שְׁמַע אִינְדֶערְפְרִי אוּן בַּיינַאכְט, אֵיינֶער וָואס גֶעט נִישְׁט אַרַיין זַיינֶע קִינְדֶער אִין תַּלְמוּד תּוֹרָה, אֵיינֶער וָואס גֵייט נִישְׁט מִיט צִיצִית, אֵיינֶער וָואס לֵייגְט נִישְׁט קַיין תְּפִלִּין וְכוּ׳ (עַיין בְּרָכוֹת מז ע״ב). אַז אַ גוֹי הָאט פַיינְט אַ אִיד ווייסְט יֶעדֶער אֵיינֶער (סִפְרִי בְּהַעֲלוֹתְךָ פִּיסְקָא יא), אוּן דִי סִיבָּה אִיז פָּשׁוּט ווַייל עֶר שְׁפִּירְט אַז דִי אִיד אִיז מֶער פוּן אִים, דֶערְפַאר קֶען עֶר נִישְׁט לַיידְן אַ אִיד.

**אַ פְרֵייעֶר פִילְט זִיךְ זֵייעֶר גֶעקְלַאפְּט דֶערִיבֶּער פַארְפִירְט עֶר**

דָאךְ זָאגְן חַזַ״ל אַז דִי עַמֵי הָאַרְצִים הָאבְּן נָאךְ מֶער פַיינְט עֶרְלִיכֶע אִידְן, ווַייל וֶוען זֵיי זֶעהן פְרוּמֶע אִידְן קִיצְלְט זֵיי דָאס אוּנְטֶער אַז אַזוֹי דַארְף עֶכְט אַ אִיד אוֹיסְזֶעהן, אוּן זֵיי שְׁפִּירְן זִיךְ דֶעמָאלְטְס ווִי גָארְנִישְׁט, אוּן ווִיבַּאלְד קֵיינֶער ווִיל זִיךְ נִישְׁט שְׁפִּירְן ווִי גָארְנִישְׁט דֶערְפַאר נֶעמֶען זֵיי זִיךְ בּוּנְטֶעוֶוען אוּן פַארְפִירְן אַקֶעגְן עֶרְלִיכֶע אִידְן, ווַייל אָן אֱמוּנָה אִיז דִי לֶעבְּן נִישְׁט קַיין לֶעבְּן, דֶערִיבֶּער דַארְף מֶען שְׁטֶענְדִיג נָאר חַזֶר׳ן דִי אֱמוּנָה.

**אֱמוּנָה הֵייסְט וֶוען מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט**

אוּן וָואס הֵייסְט אֱמוּנָה? אַ זַאךְ וָואס מֶען פַארְשְׁטֵייט נִישְׁט מִיטְן שֵׂכֶל, אֵיינְמָאל מֶען פַארְשְׁטֵייט מִיטְן שֵׂכֶל אִיז דָאס שׁוֹין נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן סב), פַארְקֶערְט דִי אַלֶע וָואס מוּזְן אַלֶעס פַארְשְׁטֵיין גֵייעֶן אַוֶועק פוּן אֱמוּנָה, דֶערְפַאר קֶען זַיין אַ מֶענְטְשׁ זָאל לֶערְנֶען קַבָּלָה אוּן דָאךְ זַיין אַ גְרוֹיסֶער נוֹאֵף, וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (חַיֵּי מוֹהֲרַ"ן סִימָן תקכו): קַבָּלָה אִיז בְּגִימַטְרִיָּא נוֹאֵף. ווִידֶער זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן נה, אוֹת ו) אַז אַ מֶענְטְשׁ וָואס הָאט אַ קְלֵיינֶעם מֹחַ אוּן אַ שְׁוַואךְ הַארְץ אוּן עֶר טוּט נִישְׁט אַסַאךְ מִצְוֹת אוּן מַעֲשִׂים טוֹבִים, אוֹיב הֵייבְּט עֶר אָן צוּ לֶערְנֶען רוּחָנִיוּת אוּן קְרִיכְט אַרַיין צוּ וֶועלְן פַארְשְׁטֵיין אַלֶעס שַׁאדְט דָאס אִים זֵייעֶר שְׁטַארְק, אוּן עֶר וֶוערְט אִינְגַאנְצְן פַארְקְרוּמְט מִיט כְּפִירוֹת וְאֶפִּיקוֹרְסוּת.

**וואוּ קוּמְסְטוּ אָן נָאכְן גַאנְצְן קַבָּלָה שְׁמוּעֶס?!**

מֶענְטְשְׁן גֵייעֶן זֵייעֶר פַאר אֵיינֶעם וָואס רֶעדְט פוּן הֶעכֶערֶע זַאכְן, אָדֶער עֶר רֶעדְט דִי קַבָּלָה שְׁפְּרַאךְ, דָאס אִיז אָבֶּער סְתָּם אַ שֵׁיינֶער שְׁפִּיל אוּן אַ גְרוֹיסֶער בְּלָאף, פַארְוָואס? וַוייל וָואס הָאסְטוּ פוּן דֶעם? דוּ קֶענְסְט דָאךְ אֲפִילוּ נִישְׁט נָאכְזָאגְן אֵיין וָוארְט... דָאס וָואלְט נָאךְ גֶעוֶוען אַ הַאלְבֶּע צָרָה, דֶער פְּרָאבְּלֶעם אִיז אָבֶּער אַסַאךְ מֶער, אַז שְׁטִילֶערְהֵייט בְּרֶענְגְט דִיךְ דָאס אַרַיין אִין מוֹרָא׳דִיגֶע כְּפִירוֹת רַחְמָנָא לִצְלַן, עֶרְשְׁטֶענְס, וַוייל וִוי מֶען רֶעדְט נִישְׁט פוּן בַּאשֶׁעפֶער בְּרֶענְגְט דָאס שׁוֹין צוּ כְּפִירוֹת, עֶקְסְטֶער דֶעם אִיז לֶערְנֶען קַבָּלָה סְפֶּעצְיֶעל אַיינְגֶעשְׁטֶעלְט, דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי רֶבִּי אֱלִימֶלֶךְ זְכוּתוֹ יָגֵן עָלֵינוּ שְׁרַייבְּט (צֶעטְל קָטָן בְּהַנְהָגוֹת הָאָדָם): פוּן צַייט צוּ צַייט זָאל מֶען לֶערְנֶען פַאר זִיךְ כִּתְבֵי הָאֲרִ"י מִיט גְרוֹיס פָּארְכְט, בְּאֵימָה וּבְיִרְאָה בְּרֶתֶת וּבְזִיעַ; אָבֶּער אַז מֶען זָאל רֶעדְן דֶערְפוּן בָּרַבִּים אִיז מוֹרָא׳דִיג אַיינְגֶעשְׁטֶעלְט, וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (עַיֵּין לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן יח): אַז אַ מֶענְטְשׁ

רֶעדְט זַאכְן וָואס אִיז הֶעכֶער פוּן יֶענֶעמְס שֵׂכֶל קֶען עֶר אִים בְּרֶענְגֶען צוּ דִי עֶרְגְסְטֶע עֲבֵירוֹת רַחְמָנָא לִצְלָן.

**אֱמוּנָה פְּשׁוּטָה דִי שְׁוֶוערְסְטֶע נִסָּיוֹן אִינֶעם הַיינְטִיגְן דוֹר**

דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי הָאט גֶעוָואלְט אַז מֶען זָאל נָאר רֶעדְן פוּן אֱמוּנָה, עֶר הָאט גֶעזָאגְט בְּפֵירוּשׁ (שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָנִים לה; רכ) אַז פַאר מָשִׁיחַ וֶועט קוּמֶען וֶועט זַיין דִי גְרֶעסְטֶע נִסָּיוֹן אִין אֱמוּנָה, דִי וֶועלְט וֶועט נֶעבֶּעךְ זַיין פוּל מִיט כְּפִירוֹת וְאֶפִּיקוֹרְסוּת, אוּן דִי שְׁוֶוערְסְטֶע זַאךְ וֶועט זַיין זִיךְ צוּ קֶענֶען הַאלְטְן מִיט דִי רֵיינֶע אֱמוּנָה (עַיֵּין וַיּוֹאֶל מֹשֶׁה מַאֲמָר יִשּׁוּב אֶרֶץ יִשְׂרָאֵל סִימָן קנ), לֵיידֶער אִיז דָאס מְקוּיָּים גֶעוָוארְן הוּנְדֶערְט פְּרָאצֶענְט, צוּ הָאבְּן פָּשׁוּטֶע אֱמוּנָה אִין בַּאשֶׁעפֶער אִיז הַיינְט צוּטָאגְס דִי שְׁוֶוערְסְטֶע זַאךְ, מֶען קֶען זִיךְ דָאס אִיבֶּערְצֵייגְן וֶוען מֶען זֶעהט וִוי שְׁוֶוער עֶס קוּמְט אָן צוּ דַאוֶוענֶען, לֵיידֶער זֶענֶען מֶענְטְשְׁן זֵייעֶר מְזַלְזֵל אִין תְּפִלָּה (עַיֵּין בְּרָכוֹת דַף ו' ע"ב), נָאכְדֶערְצוּ צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן אוֹיף אִידִישׁ יֶעדֶע זַאךְ, קוּקְט מֶען נָאךְ אָן זֵייעֶר אִינְטֶערֶעסַאנְט, מֶען הָאט קַשְׁיוֹת אוֹיף דֶעם, בֶּאֱמֶת וִוי אַזוֹי קֶען מֶען קְרִיגְן אוֹיף דֶעם? דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָאךְ דָא, אוּן עֶר הֶערְט צוּ יֶעדֶעס וָוארְט וָואס מֶען רֶעדְט צוּ אִים! נָאר וִויבַּאלְד דִי אֱמוּנָה אִיז נָאכְנִישְׁט אִינְאָרְדֶענוּנְג שְׁפֶּעט מֶען נָאךְ אָפּ פוּן רֶעדְן צוּם בַּאשֶׁעפֶער.

**בְּרֶסְלֶבֶער חֲסִידִים אִין פּוֹילְן רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן בִּתְמִימוּת**

עֶס הָאט מִיר דֶערְצֵיילְט אַ אִיד רֶבִּי מָרְדְּכַי יָאגֶעלְנִיק, אַז פַארְן צְוֵוייטְן וֶועלְט קְרִיג וֶוען עֶס הָאט אָנְגֶעהוֹיבְּן אַרַיינְצוּגֵיין דֶעם הֵיילִיגְן רֶבִּינְ'ס זַאךְ אִין פּוֹילְן, הָאבְּן דִי אַלֶע וָואס זֶענֶען מְקוּרָב גֶעוָוארְן, אָנְגֶענוּמֶען דֶעם רֶבִּינְ'ס וֶוערְטֶער מִיטְן גְרֶעסְטְן מָאס תְּמִימוּת, מֶען אִיז גֶעוֶוען זֵייעֶר שְׁטַארְק אִין הִתְבּוֹדְדוּת - צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, [תְּמִימוּת אִיז דִי גְרֶעסְטֶע גַדְלוּת, דָאס הֵייסְט אַז מֶען וַוארְפְט אִינְגַאנְצְן אַוֶועק

דֶעם אֵייגֶענֶעם שֵׂכֶל אוּן מֶען רֶעדְט אָפְּן פוּן אֱמוּנָה, אָפְּן פוּנֶעם אֵייבֶּערשְׁטְן, אִיךְ וֵוייס אֵיין זַאךְ אַז עֶס אִיז דָא אַ בַּאשֶׁעפֶּער אוֹיף דֶער וֶועלְט אוֹיסֶערְדֶעם וֵוייס אִיךְ גָארְנִישְׁט אוּן עֶס אִינְטֶערֶעסִירְט מִיר גָארְנִישְׁט, אָבֶּער וָואס וֶועט זַיין? וִוי אַזוֹי וֶועט מֶען זִיךְ אַן עֵצָה גֶעבְּן? דְרֵיי מִיר נִישְׁט דֶעם קָאפּ, אִיךְ וֵוייס אַז עֶס דָא אַ בַּאשֶׁעפֶּער, אוּן אַז אִיךְ דַארְף עֶפֶּעס וֶועל אִיךְ זִיךְ מִיט אִים דוּרְכְרֶעדְן, מֶער אִינְטֶערֶעסִירְט מִיר נִישְׁט גָארְנִישְׁט...! אַוַודַאי וֶוער עֶס הַאלְט נִישְׁט דֶערְבַּיי קוּקְט דִיר אָן וִוי אַ שׁוֹטֶה, אַזוֹי וִוי דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זָאגְט (סֵפֶר הַמִּדּוֹת אוֹת אֱמֶת סִימָן ל): **לְפִי הָרִחוּק מֵאֱמֶת כֵּן מַחְזִיק אֶת הַסּוּר מֵרָע לְשׁוֹטֶה** - וִוי וַוייט אַ מֶענְטְשׁ אִיז פוּנֶעם אֱמֶת אַזוֹיפִיל הַאלְט עֶר דֶעם עֶרְלִיכְן אִיד פַאר אַ שׁוֹטֶה. אָבֶּער דָאס אִיז דִי שֶׁענְסְטֶע זַאךְ אַז אַ אִיד אִיז שְׁטַארְק אִין דִי אֱמוּנָה, עֶס אִיז בַּיי אִים זִיכֶער אוּן קְלָאר אָן קַיין דְרֵיידֶעלֶעךְ אַז נָאר דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָא, אוּן יֶעדֶע זַאךְ וָואס מֶען הָאט צוּ טוּהן שְׁמוּעֶסְט מֶען זִיךְ דוּרךְ מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן].

**דִי הִתְנַגְּדוּת אִין פּוֹילְן אַקֶעגְן בְּרֶסְלֶבֶער חֲסִידִים**

אָבֶּער צוּ דִי זֶעלְבֶּע צַייט אִיז דִי הִתְנַגְּדוּת אַקֶעגְן בְּרֶסְלֶב אוֹיךְ גֶעוָוארְן זֵייעֶר שְׁטַארְק, וַוייל אֵיינֶער וָואס אִיז פוּל מִיט חָכְמוֹת אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער אָנְצוּנֶעמֶען תְּמִימוּת, דֶערִיבֶּער וֶוען רֶבִּי מָרְדְּכַי אִיז מְקוּרָב גֶעוָוארְן צוּם הֵיילִיגְן רֶבִּי׳ן, הָאט זִיךְ זַיין טַאטֶע אוֹיפְּגֶעגֶעסְן אוּן עֶר אִיז זֵייעֶר בְּרוֹגֶז גֶעוֶוען, אוּן וִויבַּאלְד עֶר אִיז גֶעוֶוען אַ חָסִיד פוּן אַ גֶעוִויסְן גְרוֹיסְן רֶבִּי׳ן אִיז עֶר אַרַיין צוּ אִים, אוּן זִיךְ אוֹיסְגֶערֶעדְט דָאס הַארְץ, אַז זַיין זוּהְן אִיז פַארְכַאפְּט גֶעוָוארְן בַּיי דִי בְּרֶסְלֶב׳עֶר... הָאט אִים דֶער רֶבִּי גֶעזָאגְט: בְּרֶענְג אַהֶער דַיין זוּהְן, וֶועל אִיךְ כַאפְּן מִיט אִים אַ שְׁמוּעֶס, זֶעהְן וָואס מֶען קֶען טוּהן. אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען אִין יְשִׁיבָה זוּכְן זַיין זוּהְן, עֶר אִיז אָבֶּער נִישְׁט דָארְט גֶעוֶוען, אִיז עֶר גֶעגַאנְגֶען צוּם בְּרֶסְלֶב׳ן בֵּית הַמִּדְרָשׁ, אָבֶּער דָארְט אִיז אוֹיךְ גֶעוֶוען לֵיידִיג, פְּלוּצְלִינְג הֶערְט עֶר שְׁרֵייעֶן פוּן עֶרְגֶעץ: רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם - הֶעלְף

מִיר...! [אִין פוֹילְן אִיז מֶען גֶעוֶוען אַזוֹי שְׁטַארְק אִין רֶבִּינְ׳ס זַאךְ אַז מֶען הָאט גֶעמַאכְט בַּיים בֵּית הַמֶּדְרָשׁ בּוּדְקֶעס כְּדֵי מֶען זָאל זִיךְ קֶענֶען מִתְבּוֹדֵד זַיין דָארְט, פְלֶעגְן זִיךְ בָּחוּרִים אַרַיינְכַאפְּן אִינְמִיטְן טָאג וֶוען קֵיינֶער דְרֵייט זִיךְ נִישְׁט אוּן זִיךְ מִתְבּוֹדֵד זַיין צוּם בַּאשֶׁעפֶער].

**גֶעכַאפְּט בַּיי דִי מַעֲשֶׂה - עֶר רֶעדְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער...**

דֶער טַאטֶע גֵייט נָאךְ דֶעם קוֹל אוּן קוּמְט אָן צוּ דִי בּוּדְקֶע, עֶר גֶעבְּט אַ מַאךְ אוֹיף דִי טִיר אוּן עֶר זֶעהט אַז דָאס אִיז טַאקֶע זַיין זוּהְן... נָאךְ פַאר וָואס אוּן וֶוען פְּרַאסְקֶעט עֶר אִים גוּט אוֹיף, דֶערְנָאךְ כַאפְּט עֶר אִים אָן בַּיי דִי פֵּיאוֹת אוּן שְׁלֶעפְּט אִים בִּיזְן רֶבִּינְ׳ס הוֹיז, זָאגֶענְדִיג אַז דֶער רֶבִּי וִויל מִיט דִיר רֶעדְן. דֶער בָּחוּר וֵוייסְט נָאכְנִישְׁט גֶענוֹי וָואס אִיז דָא גֶעשֶׁעְן, עֶר הַאלְט זִיךְ אִינְמִיטְן מִתְבּוֹדֵד זַיין מִיטְן בַּאשֶׁעפֶער, אוּן פְּלוּצְלִינְג פְּרַאסְקֶעט אִים זַיין טַאטֶע אוֹיף אוּן שְׁלֶעפְּט אִים בַּיי דִי פֵּיאוֹת אוֹיף אַלֶע גַאסְן בִּיזְן רֶבִּי׳ן... וִוי נָאר זֵיי קוּמֶען אָן צוּ דֶעם גְרוֹיסְן רֶבִּי׳ן, זָאגְט דֶער טַאטֶע פַארְן רֶבִּי׳ן: אִיךְ הָאבּ גֶעטְרָאפְן מַיין זוּהְן אִין אַ שְׁטִיבְּל אוּן עֶר הָאט גֶעשְׁרִיגְן... דֶער רֶבִּי שִׁיקְט אַרוֹיס דֶעם טַאטְן אוּן עֶר זָאגְט מִיךְ אִיךְ זָאל זִיךְ אַוֶועקְזֶעצְן, אוּן עֶר פְרֶעגְט מִיךְ: וָואס הָאסְטוּ גֶעטוּהן דָארְט? - אִיךְ הָאבּ גֶערֶעדְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער! פְרֶעגְט עֶר מִיךְ נִישְׁט מֶער אוּן נִישְׁט וֵוייניגֶער: דוּ רֶעדְסְט צוּ אִים אוּן עֶר עֶנְטְפֶערְט דִיךְ...? אִיךְ בִּין דֶעמָאלְטְס גֶעוֶוען אַ יוּנְגֶער בָּחוּר פוּן זֶעכְצְן זִיבֶּעצְן יָאר, אַ שַׁארְפֶער פוֹילִישֶׁער בָּחוּר, הָאבּ אִיךְ גֶעטְרַאכְט צוּ דֶערְלַאנְגֶען פַאר דֶעם רֶבִּי׳ן צְוֵוייא פְּרֶעסְק אוּן נָאכְדֶעם אַרוֹיסְגֵיין, אַזַא שַׁאֲלָה זָאל אַ רֶבִּי פְרֶעגְן? אָבֶער אִיךְ הָאבּ זֵייעֶר מוֹרָא גֶעהַאט פוּן מַיין טַאטֶע, פוּן דִי גַבָּאִים, אוּן אַנְדֶערֶע חֲסִידִים, הָאבּ אִיךְ נָאר צוּרִיק גֶעפְרֶעגְט דֶעם רֶבִּי׳ן: אוּן וֶוען דֶער רֶבִּי דַאוֶוענְט שְׁמוֹנֶה עֶשְׂרֵה רֶעדְט עֶר דָאךְ אוֹיךְ צוּם בַּאשֶׁעפֶער, אוּן דֶער בַּאשֶׁעפֶער עֶנְטְפֶערְט דִיר? אוּן גְלַייךְ בִּין אִיךְ אַנְטְלָאפְן. דֶער טַאטֶע קוּמְט צוּרִיק אַרַיין, זָאגְט אִים

דֶער רֶבִּי: שׁוֹין פַארְפַאלְן, "כָּל בָּאֶיהָ לֹא יְשׁוּבוּן", עֶר אִיז שׁוֹין אַ פַארְכַאפְּטֶער...!

**אַ רֶבִּי זָאל פְרֶעגְן אַזַא שַׁאֲלָה?**

זֶעהט מֶען פוּן דֶעם וִוי שְׁטַארְק תְּפִלָּה אוּן אֱמוּנָה אִיז לֵיידֶער אָפְּגֶעפְרֶעגְט בַּיי מֶענְטְשְׁן, אַז אֲפִילוּ אַ מַנְהִיג פוּן אַ גְרוֹיסֶע עֵדָה חֲסִידִים הָאט גֶעקֶענְט פְרֶעגְן אַ שַׁאֲלָה וָואס אִיז פַארְבִּינְדְן מִיט כְּפִירָה וְאֶפִּיקוֹרְסוּת, בִּכְלַל וָואס אִיז דֶען אַזַא גְרוֹיסֶע וואוּנְדֶער צוּ דֶער בַּאשֶׁעפֶער עֶנְטְפֶערְט? אַז אַ מֶענְטְשׁ אִיז שְׁטַארְק אוּן עֶר רֶעדְט אַסַאךְ צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, וֶוערְט אִים דִי מֹחַ קְלָארֶער אוּן קְלָארֶער בִּיז עֶר הֶערְט טַאקֶע נָאכְדֶעם צוּרִיק אַן עֶנְטְפֶער פוּן בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף יֶעדֶע זַאךְ, וַוייל דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעבְּט אִים אַרַיין אִין גֶעדַאנְק וָואס צוּ טוּן אוּן וִוי אַזוֹי צוּ טוּן.

**דוּ הָאסְט וואוּ צוּ אַנְטְלוֹיפְן מִיט דִי צָרוֹת**

וֶועגְן דֶעם אִיז בַּיים הֵיילִיגְן רֶבִּי'ן גֶעוֶוען דֶער עִיקָר אַז מֶען זָאל רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן אַז אַ אִיד רֶעדְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער הָאט עֶר כָאטְשׁ וואוּ צוּ אַנְטְלוֹיפְן, יֶעדֶע מֶענְטְשׁ הָאט הַיינְט צָרוֹת, אֵיינֶער וֵוינִיגֶער אוּן אֵיינֶער מֶער אוּן אֵיינֶער נָאכְמֶער, אָבֶּער אַז מֶען הָאט אֱמוּנָה אוּן מֶען רֶעדְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער הָאט מֶען כָאטְשׁ צוּ וֶועמֶען זִיךְ צוּ וֶוענְדְן, מֶען הָאט אַ הָאפֶענוּנְג וִוי אַזוֹי אַרוֹיסְצוּקְרִיכְן פוּן דִי בִּיטֶערֶע צָרוֹת, אָבֶּער אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין אֱמוּנָה הָאט עֶר נִישְׁט צוּ וֶועמֶען זִיךְ צוּ וֶוענְדְן אוּן עֶר אִיז אִינְגַאנְצְן פַארְלוֹירְן רַחְמָנָא לִצְלָן (עַיֵּין שִׂיחוֹת הָרַ"ן סִימָנִים לב, נג, קה).

## ב.

### פַארְנוּמֶען מִיט אַלֶעס נָאר נִישְׁט מִיטְן בַּאשֶׁעפֶער

פַאר דִי יְוָנִים אִיז גֶעגַאנְגֶען אִין לֶעבְן אַז מֶען זָאל פַארְגֶעסְן דִי אֱמוּנָה, דֶערְפַאר הָאבְּן זֵיי אַרַיינְגֶעבְּרֶענְגְט אַלֶע מִינֵי אָלִימְפִּיקְס, מֶען זָאל זַיין פַארְנוּמֶען מִיט חָכְמַת הַטֶבַע, זִיךְ צוּ שְׁטַארְקְן דֶעם גוּף, אָדֶער אַלֶע אַנְדֶערֶע בָּאל שְׁפִּילֶערַייעֶן, אַלֶעס פַאר אֵיין צִיל צוּ וַוייזְן אַז דֶער עִיקָר אִיז נָאר דֶער גוּף, רוּחָנִיּוּת אִיז בִּכְלַל נִישְׁט דָא, מֶען זָאל פוּנֶעם בַּאשֶׁעפֶער חָלִילָה אִינְגַאנְצְן פַארְגֶעסְן, אוּן וֶוען מֶען פַאלְט אַרַיין אִין אַזֶעלֶעכֶע גֶעדַאנְקְן אַז אַלֶעס אִיז נָאר טֶבַע מִקְרֶה מַזָל, אִיז דָאס אַזוֹי ווִי מֶען פַאלְט אַרַיין אִין אַ גֶעדֶעכְטֶע בְּלָאטֶע וָואס רוּפְט זִיךְ 'טִיט הַיָּוֵן' דִי יְוָנִי'שֶׁע בְּלָאטֶע, וָואס מֶען קֶען פוּן דָארְטְן נִישְׁט אַרוֹיסְגֵיין, וַוייל ווִי מֶער מֶען ווִיל אַרוֹיסְגֵיין אַלְץ טִיפֶער פַאלְט מֶען, ווִי דָוִד הַמֶלֶךְ שְׁרֵייט (תְּהִלִּים סט, ג): "טָבַעְתִּי בִּיוֵן מְצוּלָה וְאֵין מָעֳמָד" - אִיךְ זִינְק אִין אַ טִיפְן זוּמְפּ אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט וָואס עֶס זָאל מִיךְ אָפְּשְׁטֶעלְן.

### דַאנְק דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן וֶועסְטוּ זַיין נָאנְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן

וָואס אִיז טַאקֶע דִי עֵצָה אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן אַזַא גֶעדֶעכְטֶע בְּלָאטֶע? זָאגְט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן ב) אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען אָפּצוּדַאנְקֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דִי חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט מִיט אִים, ווִי נָאר עֶר וֶועט זִיךְ קָאנְצֶענְטְרִירְן צוּ קוּקְן אוֹיף דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס דֶער בַּאשֶׁעפֶער גֶעבְּט אִים, וֶועט עֶר אַיינֶערְקֶענֶען אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער פִירְט אַלֶעס אוּן אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער, אוּן וָואס מֶער עֶר וֶועט אָנֶערְקֶענֶען דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אַלְץ נֶענְטֶער וֶועט עֶר וֶוערְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אוּן קֶענֶען מֶער דַאנְקְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, בִּיז עֶר וֶועט קֶענֶען אִינְגַאנְצְן אַרוֹיסְקְרִיכְן פוּן זַיין טִיפְן פְּלָאנְטֶער, וֶועגְן דֶעם לְעָתִיד לָבֹא וֶוען יֶעדֶער וֶועט שׁוֹין קְלָאר ווִיסְן אַז אַלֶעס אִיז דֶער

אֵייבֶּערְשְׁטֶער (יְשַׁעְיָה יא, ט), וֶועט מֶען שׁוֹין נִישְׁט מַקְרִיב זַיין נָאר אַ קָרְבָּן תּוֹדָה, אַלֶע קָרְבָּנוֹת וֶועלְן בָּטֵל וֶוערְן, וַוייל אַ קָרְבָּן בְּרֶענְגְט מֶען נָאר אַז מֶען הָאט גֶעזִינְדִיגְט, אָבֶער אַז אַ מֶענְטְשׁ וֶועט שְׁפִּירְן נָאר דֶעם בַּאשֶׁעפֶער וֶועט עֶר שׁוֹין נִישְׁט זִינְדִיגְן, אָבֶער קָרְבָּן תּוֹדָה וֶועט מֶען דֶעמָאלְטְס אוֹיךְ בְּרֶענְגֶען צוּ דַאנְקְן אוּן לוֹיבְּן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דִי אַלֶע גוּטְס אוּן חֲסָדִים וָואס עֶר טוּט מִיט אוּנְז.

**טְרֶעף אוֹיךְ גוּטֶע זַאכְן וָואס דֶער בַּאשֶׁעפֶער טוּט מִיט דִיר**

וֶועגְן דֶעם אֲפִילוּ וֶוען עֶס גֵייט אִיבֶּער אוֹיף אַ מֶענְטְשׁ מוֹרָא׳דִיגֶע צָרוֹת טָאר מֶען זִיךְ נִישְׁט פַּארְלִירְן, אַ אִיד טָאר זִיךְ נִישְׁט פַּארְלִירְן אֲפִילוּ אִין דִי שְׁוֶוערְסְטֶע בִּיטֶערְסְטֶע מַצָּבִים וָואס גֵייט אוֹיף אִים דוּרְךְ, אֲפִילוּ עֶס קוּקְט אִים יֶעצְט אוֹיס זֵייעֶר זֵייעֶר שְׁוֶוער, עֶר זֶעהט נִישְׁט קַיין וֶועג אַרוֹיס פוּן זַיין בִּיטֶערֶע צָרָה, דָאךְ זָאל עֶר זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען צוּ טְרֶעפְן גוּטֶע זַאכְן וָואס דֶער בַּאשֶׁעפֶער הָאט מִיט אִים אַמָאל גֶעטוּהן, אוּן טוּט נָאךְ יֶעצְט מִיט אִים, וַוייל וִוי נִישְׁט הָאט יֶעדֶער מֶענְטְשׁ שׁוֹין גֶעזֶעהן עֶפֶּעס יְשׁוּעוֹת אִין לֶעבְּן, אוּן אֲפִילוּ יֶעצְט קֶען עֶר אוֹיךְ טְרֶעפְן עֶפֶּעס אַ גֶעוִויסֶע יְשׁוּעָה אוּן אַ גוּטֶע זַאךְ וָואס דֶער בַּאשֶׁעפֶער טוּט מִיט אִים, אוּן אַז עֶר וֶועט זִיךְ מְחַזֵק זַיין אוּן דַאנְקְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דִי גוּטְס וָואס עֶר הָאט יָא, דָאס וֶועט אִים עֶפֶענֶען דִי הַארְץ עֶר זָאל נִישְׁט אוֹיפְגֶעבְּן אֲפִילוּ אִין דִי יֶעצְטִיגֶע שְׁוֶוערֶע מָאמֶענְט, אוּן עֶר וֶועט קֶענֶען בֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אוֹיף דִי צָרָה וָואס עֶר הָאט יֶעצְט אוֹיךְ, בִּיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט הֶעלְפְן עֶר וֶועט אִינְגַאנְצְן אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיין בִּיטֶערְן קְלֶעם אוּן פַּיין (עַיֵין לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת, כִּלְאֵי בְּהֵמָה הֲלָכָה ד, אוֹת ד-ה; וְהִלְכוֹת פְּרִיקָה וּטְעִינָה, הֲלָכָה ד).

**בַּאזוּךְ נָאר אִין שְׁפִּיטָאל וֶועסְטוּ זִיךְ מֶער נִישְׁט אָפְּרֶעדְן**

אִיךְ זָאג שְׁטֶענְדִיג פַּאר דִי וָואס בַּאקְלָאגְן זִיךְ אוֹיף זֵייעֶרֶע בִּיטֶערֶע צָרוֹת, אַז זֵיי זָאלְן זִיךְ בַּאשְׁטִימֶען צוּ גֵיין אֵיינְמָאל אַ חוֹדֶשׁ אִין שְׁפִּיטָאל בַּאזוּכְן דִי קְרַאנְקֶע, אַרַיינְגֵיין וואוּ עֶס אִיז דָא אִידִישֶׁע פַּאצִיעֶנְטְן, פְרֶעגְן וָואס זֵיי מַאכְן, זֵיי אוֹיסְהֶערְן און אָנְוואוּנְטְשְׁן אַ רְפוּאָה שְׁלֵימָה, קוֹדֶם אִיז דָאס אַ מוֹרָא׳דִיגֶע מִצְוָה פוּן בִּיקוּר חוֹלִים, אַזוֹי וִוי דֶער תַּנָא רֶבִּי עֲקִיבָא זָאגְט (נְדָרִים דַף מ׳ ע״א): וֶוער עֶס אִיז נִישְׁט מְבַקֵר חוֹלֶה אִיז וִוי עֶר פַארְגִיסְט בְּלוּט. מֶען קֶען מַמָּשׁ רַאטֶעוֶוען אַ מֶענְטְשׁ מִיט אַ קְלֵיינֶעם בַּאזוּךְ, צוּמָאל טְרֶעפְט מֶען מֶענְטְשְׁן וָואס קֵיינֶער קוּמְט זֵיי נִישְׁט בַּאזוּכְן, זֵיי הָאבְן אֲפִילוּ נִישְׁט קַיין מִשְׁפָּחָה, אוּן אַז אֵיינֶער קוּמְט אַרַיין צוּ זֵיי אִיז דָאס דִי גְרֶעסְטֶע מִצְוָה, מֶען קֶען זִיךְ נִישְׁט פָארְשְׁטֶעלְן וָואס דָאס טוּט אוֹיף, אָבֶער אוֹיסֶערְדֶעם אִיז דָאס אַ מוֹרָא׳דִיגֶע טוֹבָה פַאר דֶעם מֶענְטְשׁ וָואס גֵייט אַרוּם בַּאזוּכְן, ווייל אַזוֹי הַאלְט עֶר זִיךְ אִין אֵיין בַּאקְלָאגְן אוֹיף זַיינֶע צָרוֹת, אָבֶער אֵיינְמָאל עֶר וֶועט דוּרְכְגֵיין אַלֶע שְׁטָאקְן אִין שְׁפִּיטָאל, סְפֶּעצִיעֶל בַּיי דִי קִינְדֶער אָפְּטֵיילוּנְג, אוּן זֶעהְן וָואס דָארְט קוּמְט נֶעבֶּעךְ פָּאר, דֶער רַחְמָנָא לִצְלָן דַארְף אָטֶעמֶען מִיט אַקְסֶעדְזשִין, דֶער רַחְמָנָא לִצְלָן אִיז בַּאהָאפְטְן צוּ מַאשִׁינֶען, דֶער מִיט דִיאַלֶעסִיס רַחְמָנָא לִצְלָן, אוּן אַזוֹי ווַייטֶער, וֶועט עֶר אַרוֹיסְגֵיין פוּן שְׁפִּיטָאל, אוֹיפְהֵייבְן בֵּיידֶע הֶענְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער אוּן זָאגְן: רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! עֶס פֶעלְט מִיר שׁוֹין גָארְנִישְׁט, פְרִיעֶר הָאט זִיךְ מִיךְ גֶעדַאכְט אַז אִיךְ הָאבּ דִי גְרֶעסְטֶע צָרוֹת, יֶעצְט בַּאשֶׁעפֶער דַאנְק אִיךְ דִיר אַז אִיךְ בִּין בָּרוּךְ הַשֵּׁם גֶעזוּנְט אוּן שְׁטַארְק, מֶער פוּן דֶעם פֶעלְט מִיר גָארְנִישְׁט.

## ג.

## דִי צָרָה פוּן בָּארְגְן גֶעלְט

אֵיין מוֹרָא׳דִיגֶע צָרָה אִיז לֵיידֶער יָא דָא הַיינְט זֵייעֶר שְׁטַארְק, דִי צָרָה רוּפְט זִיךְ "חוֹבוֹת", אֵיינְמָאל מֶען פַארְפְּלָאנְטֶערְט זִיךְ אִין דֶעם אִיז זֵייעֶר שְׁוֶוער אַרוֹיסְצוּקְרִיכְן דֶערְפוּן, אָבֶער דָאס אִיז אַ צָרָה וָואס אוּמְדִירֶעקְט נֶעמְט עֶס אַ מֶענְטְש אַלֵיין אוֹיף זִיךְ, צוּם עֶרְשְׁט אִיז מֶען נִישְׁט גֶענוּג בַּאקַאנְט דִי פְּרָאבְּלֶעם פוּן חוֹבוֹת, וָואסְפַּארַא בִּיטֶערֶע נָאכְוֵוייעֶן עֶס קוּמְט אַרוֹיס פוּן חוֹבוֹת, דֶער עִיקָר אִיז מֶען נִישְׁט בַּאקַאנְט וָואס יָא צוּ טוּהן כְּדֵי מֶען זָאל בִּכְלַל נִישְׁט קוּמֶען צוּ קַיין חוֹבוֹת [וִוי עֶס וֶועט וֶוערְן אוֹיסְגֶעשְׁמוּעְסְט], נָאכְדֶערְצוּ אַז אִין דִי הַיינְטִיגֶע וֶועלְט אִיז פַארְבָּארְגְן גֶעלְט גֶעוָוארְן אַ גְרִינְגֶע זַאךְ, דָאס פַאר׳שִׁיכּוֹר׳ט זֵייעֶר אַ מֶענְטְש אוּן עֶר כַאפְּט זִיךְ צוּ דֶערְצוּ מִיט גְרוֹיס שִׂמְחָה, אַלֶעס אִיז פֵיין אוּן וואוֹיל בִּיז עֶס קוּמְט צוּ בַּאצָאלְן... וֶוען עֶס קוּמְט צוּ בַּאצָאלְן דַאן אִיז שׁוֹין גָאר בִּיטֶער, מֶען רֶעדְט שׁוֹין נִישְׁט פוּן מֶענְטְשְׁן וָואס זֶענֶען אוֹיבֶער-חֲכָמִים אוּן טוּעֶן וִוילְדֶע זַאכְן, זֵיי אִינְוֶועסְטִירְן הֶעכֶער זֵייעֶרֶע כּוֹחוֹת, נָאכְדֶעם פַארְפְּלָאנְטֶערְן זֵיי זִיךְ מִיט שְׁוֶוערֶע חוֹבוֹת, סְפֶּעצִיעֶל וֶוען מֶען דַארְף צוּרִיקְצָאלְן מִיט פְּרָאצֶענְט אִין אַ קוּרְצֶע צַייט, אָפְּגֶערֶעדְט אַז מֶען בָּארְגְט פוּן אוּנְטֶערְוֶועלְטְנִיקֶעס וָואס דַאן לֵייגְט מֶען זִיךְ אַרַיין מַמָּשׁ אִין אַ סַכָּנָה אוֹיב מֶען הָאט נִישְׁט דָאס גֶעלְט, בִּיז מֶען מוּז פְּלֵיטָה מַאכְן, מֶען לָאזְט פְּלוּצְלִינְג אִיבֶער דִי וַוייבּ מִיט דִי קִינְדֶער, דִי טַאטֶע מַאמֶע, שְׁוֶוער אוּן שְׁוִויגֶער, קֵיינֶער וֵוייסְט נִישְׁט וואוּ עֶר אִיז אִין דִי וֶועלְט, אַלְץ מוֹרָא פַאר זַיין לֶעבְן וְכוּ׳. דֶערְפַאר הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי זֵייעֶר מַקְפִּיד גֶעוֶוען אַז מֶען זָאל נִישְׁט בָּארְגְן קַיין גֶעלְט (שִׂיחוֹת הָרַ״ן סִימָן קכב), אָבֶער אֲפִילוּ אַ מֶענְטְש מוּז אַמָאל נֶעמֶען אַן הַלְוָאָה דַארְף עֶר עֶס אוֹיךְ טוּהן מִיט שֵׂכֶל אוּן יִשּׁוּב הַדַעַת, נִישְׁט הֶעכֶער פוּן דִי כּוֹחוֹת.

**דו הָאסְט נִישְׁט קַיין פֶּענִי בַּיי דִי נְשָׁמָה? בָּארְגְן גֶעלְט אִיז בִּכְלַל נִישְׁט קַיין עֵצָה**

אֵיי וֶועט אַ יוּנְגֶערְמַאן פְרֶעגְן: אַז מֶען טָאר נִישְׁט בָּארְגְן וָואס זָאל אִיךְ טוּהן אַז אִיךְ הָאבּ נִישְׁט קַיין גֶעלְט? אִיךְ בִּין שׁוֹין שׁוּלְדִיג מֶער וִוי אֵיין גְרָאסֶערִי... דֶער בּוּטְשֶׁער וִויל מִיר שׁוֹין אוֹיךְ מֶער נִישְׁט פַארְקוֹיפְן... דִי שְׂכַר לִימוּד הַאלְט אִין אֵיין וַואקְסְן... אָפְּגֶערֶעדְט אַז דִי רֶענְט דַארְף אִיךְ בַּאצָאלְן, אָבֶער אִיךְ הָאבּ נִישְׁט, וָואס זָאל אִיךְ טוּהן?! דֶער תִּירוּץ אִיז זֵייעֶר פָּשׁוּט אוּן אַיינְפַאךְ, מֶען זָאל גֵיין נָאךְ צְדָקָה! אִין שֻׁלְחָן עָרוּךְ וֶוערְט קְלָאר גֶע׳פַּסְקְ׳נְט (יוֹרֶה דֵעָה הִלְכוֹת צְדָקָה, סִימָן רנג), אַז אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט קַיין גֶעלְט פַאר זַיין לֶעבְן גֶעבְּרוֹיכְן מֶעג עֶר גֵיין נָאךְ צְדָקָה. דִי פְּרָאבְּלֶעם אִיז אָבֶער אַז אַ מֶענְטְשׁ שֶׁעמְט זִיךְ, עֶס פַּאסְט אִים נִישְׁט צוּ גֵיין בֶּעטְן אַ נְדָבָה פוּן יֶענֶעם, דֶערְפַאר זָאגְט דִי וֶועלְט, ״מֶען שְׁטַארְבְּט נִישְׁט פַאר הוּנְגֶער מֶען שְׁטַארְבְּט פַאר גֵאוּת...״ אָבֶער וִויבַּאלְד דִי פְּרַאגֶע פוּן ׳כֶּסֶף מִנָלָן׳ דְרוּקְט דָאךְ אִים בַּיים הַארְץ, עֶר קֶען נִישְׁט דֶעקְן דֶעם טָאג וָואךְ אוּן חוֹדֶשׁ, דֶערִיבֶּער זֶעהט עֶר נִישְׁט קַיין בֶּעסֶערֶע אוֹיסְוֶועג נָאר עֶר זָאל גֵיין בָּארְגְן גֶעלְט, עֶר שְׁפַּאצִירְט אַרַיין אִינֶעם וֶועלְטְל פוּן הַלְוָואוֹת, קוֹדֶם בָּארְגְט עֶר פוּן אֵיינֶעם אַ סוּמֶע גֶעלְט פַאר אַ הַאלְבְּן יָאר, דִי הַאלְבֶּע יָאר לוֹיפְט זֵייעֶר שְׁנֶעל דוּרְךְ, יֶענֶער קוּמְט אוּן בֶּעט אַז עֶר דַארְף שׁוֹין הָאבְּן דִי גֶעלְט, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז עֶר הָאט נִישְׁט פוּן וואוּ צוּ בַּאצָאלְן... יֶעצְט קֶען עֶר שׁוֹין נִישְׁט גֵיין אִין יֶענֶע מִקְוֶה וואוּ עֶר אִיז אַ בַּעַל חוֹב, יֶענֶער וֶועט אִים מָאנֶען זַיין גֶעלְט, נָאכְדֶעם בָּארְגְט עֶר פוּן אַ צְוֵוייטְן, יֶעצְט קֶען עֶר שׁוֹין אִין יֶענֶעם שׁוּל אוֹיךְ נִישְׁט גֵיין יֶענֶער זָאל אִים נִישְׁט בַּאפַאלְן, אַזוֹי הֵייבְּט עֶר אָן דְרֵייעֶן מִיט חוֹבוֹת רֶעכְטְס אוּן לִינְקְס, עֶר אִיז שׁוּלְדִיג פַאר אָן אַ שִׁיעוּר מֶענְטְשְׁן גֶעלְט, בִּיז עֶר וֶוערְט מַמָשׁ אַ קְנֶעכְט פַאר יֶעדְן רַחְמָנָא לִצְלָן, אוֹיסֶערְדֶעם אִיז עֶר נָאךְ אַ רָשָׁע אוֹיךְ,

אַז מֶען בַּאצָאלְט נִישְׁט אַ חוֹב אִיז מֶען אַ פָּשׁוּטֶ׳ע רָשָׁע, אַזוֹי וִוי דֶער פָּסוּק זָאגְט (תְּהִלִּים לז, כא): לֹוֶה רָשָׁע וְלֹא יְשַׁלֵּם.

**וָואס אַרְט דִיר אַז אִיךְ לֶעבּ נָאךְ?**

דִי אֶמֶת׳ע תּוֹרָה׳דִיגֶע וֶועג אִיז, אַז אוֹיבּ אַ מֶענְטְשׁ הָאט נִישְׁט וָואס עֶר מוּז הָאבְּן פַארְן לֶעבְּן זָאל עֶר גֵיין בֶּעטְן אַ נְדָבָה, אוּן אַז דוּ שֶׁעמְסְט זִיךְ צוּ גֵיין פַאר דִיר אַלֵיין זָאג אַז דוּ גֵייסְט פַּאר אַ אָרִימֶע מִשְׁפָּחָה, עֶס אִיז גֶעוֶוען אֵיינֶער פוּן אוּנְזֶערֶע לַייט עֶר אִיז גֶעגַאנְגֶען נָאךְ צְדָקָה אוּן גֶעזָאגְט אַז עֶר גֵייט פַאר אַן אַלְמָנָה מִיט פִינֶעף יְתוֹמִים, פַארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז מֶענְטְשְׁן הָאבְּן רַחְמָנוּת גֶעהַאט אוּן אִים גֶעגֶעבְּן צְדָקָה, אֵיינְמָאל כַּאפְּט אִים אֵיינֶער אָן אוּן זָאגְט אִים: אִיךְ גֶעבּ דִיר אַ גְרוֹיסֶע סְכוּם גֶעלְט אָבֶּער דוּ מוּזְט מִיר זָאגְן וֶוער דִי אַלְמָנָה מִיט דִי פִינֶעף יְתוֹמִים זֶענֶען. זָאגְט עֶר אִים: גֶעבּ אַ קוּק, אִיךְ דַארְף מְפַרְנֵס זַיין מַיין וַוייבּ מִיט פִינֶעף קִינְדֶער אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט פוּן וואוּ, וָואס אַרְט דִיר אַז אִיךְ לֶעבּ נָאךְ? דוּ ווִילְסְט טַאקֶע אִיךְ זָאל שְׁטַארְבְּן?!

**אַן עֶרְלִיכֶער מֶענְטְשׁ וָואס גֵייט נָאךְ צְדָקָה טוּט אִיבֶּערְהוֹיפְּט נִישְׁט קַיין עַוְלָה**

אַ מֶענְטְשׁ וָואס רֶעדְט צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן הָאט אַן אַנְדֶערְן יִשּׁוּב הַדַעַת, עֶר לוֹיפְט נִישְׁט אַזוֹי שְׁנֶעל בָּארְגְן קַיין גֶעלְט, עֶר וֵוייסְט אַז אוֹיבּ הָאט מֶען גֶעפִירְט פוּן הִימְל אַז אִיךְ בִּין אַן אָרִימַאן אוּן אִיךְ מוּז גֵיין נָאךְ גֶעלְט וֶוער אִיךְ אוֹיךְ נִישְׁט פַארְלוֹירְן, פַארְקֶערְט מִיט דֶעם בִּין אִיךְ מְזַכֶּה נָאךְ אַ אִיד צוּ גֶעבְּן פַאר אַן אֶמֶת׳ע צְדָקָה, פַאר אַן עָנִי הָגוּן וָואס זִיצְט אוּן לֶערְנְט אוּן דַאוֶוענְט אָבֶּער עֶר הָאט נִישְׁט קַיין גֶעלְט, [דֶערְפַאר אִיז ווִיכְטִיג צוּ ווִיסְן אַז וֶוען מֶען זֶעהט צְוֵויי הַיימִישֶׁע אִינְגֶעלַייט גֵייעֶן נָאךְ גֶעלְט בַּיי אַ חֲתוּנָה אִיז דִי גְרֶעסְטֶע מִצְוָה זֵיי צוּ גֶעבְּן צְדָקָה, זֵיי הָאבְּן בֵּיידֶע נִישְׁט אוֹיף שַׁבָּת צוּ מַאכְן, נָאר אַלֵיינְס

שֶׁעמְט מֶען זִיךְ צוּ גֵיין, טְרֶעפְט מֶען זִיךְ נָאךְ אַ אִינְגֶעְרְמַאן אִינֶעם זֶעלְבְּן מַצָּב, אִינְאֵיינֶעם אִיז מֶען זִיךְ מְחַזֵּק אוּן מֶען גֵייט פַאר אַן אָרִימֶע מִשְׁפָּחָה... דֶערִיבֶּער טָאר מֶען נִישְׁט קוּקְן אוֹיף זֵיי מִיט אַ שְׁלֶעכְט אוֹיג - הַיִתָּכֵן זֵיי גֵייעֶן פַאר זִיךְ...! וָואס אִיז? פַאר וֶועם דֶען זָאל מֶען גֶעבְּן? פַאר אֵיינֶעם וָואס קֶען אֲפִילוּ נִישְׁט אַרוֹיסְזָאגְן דִי וָוארְט צְדָקָה נָאר סְדָאקָא... אוּן דֶערְנָאךְ גֵייט עֶר מִיט דִי גֶעלְט קוֹיפְן דְרָאגְס אָדֶער טוּהן עֲבֵירוֹת - אִים זָאל מֶען עֶנְדֶערְשׁ גֶעבְּן?! עֶס אִיז דָא גְבִירִים וָואס שְׁפִּירְן פַאר ווִיכְטִיג צוּ סֶעקִירְן דֶעם אִינְגֶעְרְמַאן וָואס גֵייט נָאךְ גֶעלְט, עֶר זָאל וַוייזְן אַן הַמְלָצָה, זָאג: פַאר דֶעם פַארְשְׁטוּנְקֶענֶעם דָאלֶער וָואס דוּ ווִילְסְט אִים גֶעבְּן דַארְפְסְטוּ אַ הַמְלָצָה? זַיין בָּארְד אוּן פֵּיאוֹת אִיז דִיר נִישְׁט גֶענוּג וֶוערְד?! דֶערְפַאר אַז מֶען גֶעבְּט פַאר דִי אִינְגֶעלַייט אַפָּאר דָאלֶער אוּן מֶען הֶעלְפְט זֵיי אַרוֹיס, הָאסְטוּ מְחַיֶה גֶעוֶוען אַ הֵיימִישֶׁע מִשְׁפָּחָה, וָואס דָאס אִיז דִי גְרֶעסְטֶע מִצְוָה].

### חֲנֻכָּה לֶערְנְט מֶען דִיךְ אוֹיס דִי עֵצָה פַאר דַיין שְׁוֶוערְן מַצָּב

קֶען זַיין אַז וֶועגְן דֶעם אִיז דָא אַ מִנְהָג צוּ גֵיין חֲנֻכָּה נָאךְ צְדָקָה (עַיֵּין מָגֵן אַבְרָהָם אוֹרַח חַיִּים רֵישׁ סִימָן תר"ע), צוּ וַוייזְן פַאר אַ מֶענְטְשׁ ווִי אַזוֹי אַרוֹיסְצוּגֵיין פוּן זַיינֶע צָרוֹת, וַוייל ווִיסְן דַארְף מֶען אַז מְחַזֵּק זַיין אַ מֶענְטְשׁ, אִים אַרַיינְגֶעבְּן שֵׂכֶל ווִי אַזוֹי אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיין צָרָה אִיז דִי גְרֶעסְטֶע צְדָקָה (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק א, סִימָן קו), וַוייל אַז אַ מֶענְטְשׁ רַחְמָנָא לִצְלַן הָאט נִישְׁט קַיין שֵׂכֶל הָאט עֶר נִישְׁט גָארְנִישְׁט (עַיֵּין נְדָרִים מא ע"א), אָבֶער אַז מֶען אִיז מְחַזֵּק אַ אִיד, "פַארְלִיר זִיךְ נִישְׁט דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט דִיךְ הֶעלְפְן", אוּן מֶען לֶערְנְט אִים אוֹיס צוּ רֶעדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דוּרְכְדֶעם וֶועט עֶר גֶעוואוֹיר דִי כּוֹחוֹת וָואס עֶר הָאט, עֶר וֶועט גֶעוואוֹיר אַז אֲפִילוּ עֶר אִיז יֶעצְט אִין אַ שְׁוֶוערְן גֶעלְט מַצָּב אִיז אוֹיךְ דָא אַ וֶועג אַרוֹיס, "מֶען קֶען גֵיין נָאךְ גֶעלְט", מֶען דַארְף זִיךְ נִישְׁט

אַזוֹי דֶערְשְׁרֶעקְן דֶערְפוּן, צוּ גֵיין נָאךְ גֶעלְט אִיז אַסַאךְ מֶער אוֹיסְגֶעהַאלְטְן ווִי זִיךְ אָנְבָּארְגְן פוּן וֶועם מֶען קֶען נָאר אוּן נָאכְדֶעם יֶעדְן אָנְזֶעצְן רַחְמָנָא לִצְלָן.

**בָּארְגְן גֶעלְט אִיז אַ מַחְלָה מִיט בִּיטֶערֶע קָאנְסֶעקְוֶוענְצְן**

עֶס אִיז דָא מֶענְטְשְׁן וָואס הָאבְּן אַ קְרֶענְק אַז זֵיי מוּזְן שְׁטֶענְדִיג בָּארְגְן גֶעלְט, פוּן אֵיינֶעם פוּנֶעף טוֹיזֶענְט דָאלֶער, פוּן אַ צְוֵוייטְן דְרֵיי טוֹיזֶענְט דָאלֶער, אוּן פוּן אַ דְרִיטְן נָאךְ אַפָּאר טוֹיזֶענְט... אֵיי מַאךְ אַ חֶשְׁבּוֹן: דוּ וֶועסְט דָאךְ דָאס דַארְפְן בַּאצָאלְן? דֶער בַּאשֶׁעפֶער וֶועט שׁוֹין הֶעלְפְן - אִיךְ וֶועל זִיךְ שׁוֹין אַרוֹיסְדְרֵייעֶן... אוּן וָואס וֶועסְטוּ טוּהן אַז דוּ וֶועסְט טְרֶעפְן אַ מֶענְטְשׁ וָואס דוּ וֶועסְט זִיךְ פוּן אִים נִישְׁט קֶענֶען אַרוֹיסְדְרֵייעֶן אוּן עֶר וֶועט דִיךְ שְׁטֶעלְן אוֹיפְן פְּלַאץ?! דֶער תַּנָא בֶּן בַּג בַּג זָאגְט (בָּבָא קַמָא כ"ז ע"ב): אוֹיבּ אֵיינֶער הָאט דִיר עֶפֶּעס צוּגֶענוּמֶען זָאלְסְטוּ נִישְׁט אַרַיינְגֵיין צוּ אִים אִין שְׁטוּבּ דָאס אַרוֹיסְנֶעמֶען, ווַייל אַז עֶר וֶועט אָנְהוֹיבְּן שְׁרֵייעֶן אוּן פַארְפִירְן וֶועלְן מֶענְטְשְׁן נָאךְ טְרַאכְטְן אַז דוּ בִּיסְט דֶער גַנָב, נָאר קוֹדֶם זָאלְסְטוּ אִים אוֹיסְהַאקְן דִי צֵיינֶער נָאכְדֶעם קֶענְסְטוּ עֶס רוּאִיג אַרוֹיסְנֶעמֶען, יֶעצְט קֶען עֶר שׁוֹין גָארְנִישְׁט זָאגְן...! דָאס אִיז גָארְנִישְׁט קַיין גֶעלֶעכְטֶער אוּן קַיין וֶוערְטְלֶעך, לֵיידֶער לֵיידֶער וֶוען אֵיינֶער בָּארְגְט פוּן אֵיינֶעם גֶעלְט הָאט עֶר נָאךְ טַעֲנוֹת וֶוען יֶענֶער בֶּעט צוּרִיק זַיין גֶעלְט - וָואס בַּאדֶערְסְטוּ מִיר? אוּן אוֹיבּ אִיז נִישְׁט גֶענוּג, שְׁרֵייט עֶר נָאךְ אוֹיף אִים "גַנָב"! גֶעוַואלְד אוּן גֶעשְׁרִיגְן אִיךְ הָאבּ דִיר גֶעבָּארְגְט גֶעלְט אִין אִיךְ בִּין דֶער גַנָב? אָבֶּער אַזַא פָּנִים הָאט עֶס וֶוען מֶען בָּארְגְט גֶעלְט; דֶערִיבֶּער חֲנֻכָּה וֶוען מֶען קֶען אַרוֹיסְגֵיין פוּנֶעם גְרֶעסְטְן פוּנְסְטֶערְנִישׁ, לֶערְנְט מֶען אוֹיס פַאר דִי אַלֶע וָואס זֶענֶען אִין אַ שְׁוֶוערְן גֶעלְט מַצָב, וָואס דָאס צוּבְּרֶעכְט זֵייעֶר דֶעם מֶענְטְשׁ, אוּן עֶס קוּקְט זֵיי אוֹיס אַז זֵיי הָאבְּן שׁוֹין נִישְׁט קַיין אוֹיסְוֶועג צוּ זֵייעֶר פְּרָאבְּלֶעם (נָאר בָּארְגְן), וַוייזְט

מֶען זֵיי אַז זֵיי הָאבְּן אוֹיךְ אַ וֶועג אַרוֹיס, זֵיי זָאלְן זִיךְ נָאר נִישְׁט שֶׁעמֶען אוּן גֵיין נָאךְ צְדָקָה; אָפְּגֶערֶעדְט אַז פוּן אַלֶע אַנְדֶערֶע שְׁוֶועריקַייטְן קֶען מֶען זִיךְ אַרוֹיסְזֶעהְן.

ד.

## דִי צָרוֹת הָאבְּן אוֹיךְ אַן עֶק

פוּן דִי פַּרְשִׁיוֹת וָואס מֶען לֶערְנְט יֶעצְט קֶען מֶען אוֹיךְ אַרוֹיסְנֶעמֶען דִי זֶעלְבֶּע הִתְחַזְקוּת, אַזוֹי וִוי דֶער מֶדְרָשׁ זָאגְט (בְּרֵאשִׁית רַבָּה פַּרְשָׁה פט, א): "קֵץ שָׂם לְחֹשֶׁךְ" - יֶעדֶע צָרָה גֶעבְּט דֶער בַּאשֶׁעפֶער אַ צַייט ווִילַאנְג עֶס זָאל אָנְהַאלְטְן נָאכְדֶעם גֵייט מֶען אַרוֹיס פוּן דֶעם (אִיּוֹב כח, ג); פוּן הִימְל אִיז פוּנְקְטְלִיךְ אוֹיסְגֶערֶעכְנְט ווִיפִיל אַ מֶענְטְשׁ דַארְף לַיידְן, אָבֶּער עֶוֶוענְטוּעֶל קֶען יֶעדֶע מֶענְטְשׁ אַרוֹיסְגֵיין פוּן זַיין צָרָה, יוֹסֵף הַצַדִיק אִיז דוּרְכְגֶעגַאנְגֶען אַזוֹיפִיל צָרוֹת אִין זַיין אִינְגְן לֶעבְּן אָבֶּער עֶס אִיז אוֹיךְ גֶעקוּמֶען אַ סוֹף צוּ דֶעם, וִוי אַזוֹי הָאט עֶר דָאס גֶעקֶענְט דוּרְכְמַאכְן נָאר דוּרְכְדֶעם וָואס עֶר הָאט זִיךְ דֶערְהַאלְטְן.

### אַז דִי טַאטֶע הֵייסְט קוּקְט מֶען נִישְׁט אוֹיף גָארְנִישְׁט

שְׁטֶעלְט אַייךְ פָאר אַ יוּנְגֶער בָּחוּר פוּן זִיבֶּעצְן יָאר לֶערְנְט תּוֹרָה מִיט זַיין טַאטְן, אֵיין טָאג זָאגְט עֶר אִים עֶר זָאל גֵיין בַּאזוּכְן דִי בְּרוּדֶער, עֶר גֵייט גְלַייךְ כָּאטְשִׁיג עֶר וֵוייסְט גַאנְץ גוּט ווִיפִיל זֵיי הָאבְּן אִים לִיבּ... אָבֶּער אַז דִי טַאטֶע הֵייסְט קוּקְט עֶר נִישְׁט אוֹיף גָארְנִישְׁט, וִוי נָאר עֶר קוּמְט זֵיי אַקֶעגְן הָאבְּן זֵיי אוֹיף אִים אָנְגֶערֵייצְט הוּנְט (בְּרֵאשִׁית רַבָּה פַּרְשָׁה פד, אוֹת יד), נָאכְדֶעם הָאט מֶען אִים אוֹיסְגֶעטוּהן דֶעם שֵׁיינֶעם הֶעמְד דִי כְּתוֹנֶת פַּסִים אוּן אִים גֶעוָואלְט הַרְגֶ'עְנֶען, בִּיז רְאוּבֵן הָאט זִיךְ גֶעבֶּעטְן

מֶען זָאל אִים נִישְׁט אַלֵיין הַרְגֶ'עְנֶען נָאר אַרַיינְוַוארְפְן אִין גְרוּבּ, עֶר הָאט מִיט דֶעם אִינְזִין גֶעהַאט אִים צוּ רַאטֶעוֶוען, אָבֶער אִינֶעם גְרוּבּ הָאבְּן זַיי אוֹיךְ אַרַיינְגֶעקוֹילֶערְט גְרוֹיסֶע שְׁטֵיינֶער, אַ נֵס אִיז גֶעשֶׁעהְן אַז עֶר אִיז נִישְׁט גֶע'הַרְג'עֶט גֶעוָוארְן (עַיֵּין שָׁם אוֹת טז), אוֹיסֶערְדֶעם אִיז אִין גְרוּבּ גֶעוֶוען פוּל מִיט שְׁלֶענְג אוּן עֶקְדִיסְן, אַז פוּן גְרוֹיס שְׁרֶעק הָאט עֶר פַאַרְלוֹירְן זַיין קָאלִיר, וֶוען מֶען הָאט אִים אַרוֹיסְגֶענֶעמֶען אִיז עֶר גֶעוֶוען אִינְגַאנְצְן בְּלוֹי אַז מֶען הָאט בִּכְלַל נִישְׁט דֶערְקֶענְט זַיין גֶעשְׁטַאלְט, מֶען הָאט גֶעמוּזְט פַארְקוֹיפְן דֶעם שֵׁיינֶעם יוּנְגֶען בָּחוּר פַאר אַ שְׁפָּאט בִּילִיגְן פְּרַייז (תַּנְחוּמָא וַיֵּשֶׁב ב), בִּיז נָאכְדֶעם הָאט יְהוּדָה גֶע'עֵצָה'ט אַז מֶען זָאל אִים פַארְקוֹיפְן, הָאט מֶען אִים אוֹיךְ פַארְקוֹיפְט אַסַאךְ מָאל (עַיֵּין תַּנְחוּמָא ד; רַשִׁ"י בְּרֵאשִׁית לז, ג). עֶר קוּמְט אָן אִין מִצְרַיִם שְׁטֶעלְט מֶען אִים אַרוֹיף צוּם פַארְקוֹיפְן צְווִישְׁן אַלֶע נִידֶערְטְרֶעכְטִיגֶע שְׁוַוארְצֶע מִצְרִיִּים, פּוֹטִיפַר נֶעמְט אִים פַאר אַ קְנֶעכְט, עֶס דוֹיעֶרְט נִישְׁט לַאנְג אוּן מֶען טְרֶעפְט אוֹיס אוֹיף אִים אַ מִיאוּס'ן בִּלְבּוּל, אוּן מֶען זֶעצְט אִים גְלַייךְ אַיין אִין תְּפִיסָה, אַ אַנְדֶערֶע מֶענְטְשׁ וָואלְט רַחְמָנָא לִצְלָן אַרָאפּ פוּן זִינֶען פוּן מִיטְמַאכְן אַזוֹיפִיל צָרוֹת, אָבֶער יוֹסֵף הַצַּדִּיק הָאט זִיךְ מוֹרָא'דִיג דֶערְהַאלְטְן.

**צְוֵויי וואוּנְדֶערְלִיכֶע עֵצוֹת זִיךְ צוּ קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן**

וָואס טַאקֶע הָאט דֶערְהַאלְטְן יוֹסֵף הַצַּדִּיק אִין אַזַאלֶעכֶע שְׁוֶוערֶע אוּמְשְׁטֶענְדְן? זָאגְט דֶער מֶדְרָשׁ: יוֹסֵף הַצַּדִּיק אִיז שְׁטֶענְדִיג גֶעוֶוען פְרֵיילִיךְ (עַיֵּין בְּרֵאשִׁית רַבָּה פַּרְשָׁה פו, ד). אַזוֹי וַוייט אַז עֶר הָאט אֲפִילוּ נִישְׁט גֶעקֶענְט דֶערְלַיידְן וֶוען אַ גוֹי אִין תְּפִיסָה אִיז גֶעוֶוען טְרוֹיעֶרִיג (בְּרֵאשִׁית מ, ז), נָאךְ אַ זַאךְ זָאגְט דֶער מֶדְרָשׁ, אַז עֶר הָאט שְׁטֶענְדִיג גֶערֶעדְט צוּם בַּאשֶׁעפֶער (בְּרֵאשִׁית רַבָּה פו, ה), וַוייל אַז אַ מֶענְטְשׁ בֶּעט דֶעם בַּאשֶׁעפֶער אוּן עֶר דַאנְקְט דֶעם בַּאשֶׁעפֶער דָאס רַאטֶעוֶועט אִים פוּן אַלֶע פְּרָאבְּלֶעמֶען.

**בַּיים סוֹף וֶועט זַיין שֵׁיינֶע יְשׁוּעוֹת**

דֶעם הִתְחַזְקוּת דַארְפְן מִיר אַרוֹיסְנֶעמֶען פוּן חֲנֻכָּה וָואס עֶס גֶעפַאלְט אֵייבִּיג אִין פַּרְשַׁת מִקֵּץ, צוּ וִויסְן אוּן גְלֵייבְּן אַז אֲפִילוּ אוֹיב דִי גוֹיִם אוּן דִי רְשָׁעִים פְּרוּבִּירְן אוּנְז אוּנְטֶערְצוּדְרִיקְן מִיט דִי עֶרְגְסְטֶע גְזֵירוֹת, דָאךְ וֶועט צוּ דֶעם אוֹיךְ קוּמֶען אַ סוֹף, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער וֶועט אוּנְז נִישְׁט פַּארְלָאזְן אוֹיף אֵייבִּיג, מֶען דַארְף זִיךְ נָאר קֶענֶען דֶערְהַאלְטְן אוּן אוֹיסְוַוארְטְן דִי יְשׁוּעָה, דֶעמָאלְטְס אִיז מֶען זוֹכֶה בַּיים סוֹף צוּ זֵייעֶר אַ שֵׁיינֶע יְשׁוּעָה.

**ה.**

**דֶערְצֵייל מִיר אוֹיס דֶעם אֱמֶת...**

נָאךְ אַן אִינְטֶערֶעסַאנְטֶע זַאךְ זֶעהט מֶען אִין דִי פַּרְשָׁה וָואס בְּרֶענְגְט אַרוֹיס אַ גְרוֹיסֶע וואוּנְדֶער: פַארְוָואס הָאט יוֹסֵף נִישְׁט גְלַייךְ אוֹיסְגֶעזָאגְט פַאר דִי בְּרוּדֶער אַז עֶר אִיז יוֹסֵף?! פַארְוָואס הָאט עֶר מִיט זֵיי אַזוֹיפִיל אַרוּמְגֶעדְרֵייט אוּן אוֹיסְגֶעמָארֶעט ווִילַאנְג עֶר הָאט זִיךְ מְגַלֶּה גֶעוֶועזְן צוּ זֵיי? נָאר יוֹסֵף הָאט פוּן זֵיי גֶעוָואלְט אֵיין זַאךְ, זֵיי זָאלְן מוֹדֶה זַיין אוּן זָאגְן (בְּרֵאשִׁית מב, כא): "אֲבָל אֲשֵׁמִים אֲנַחְנוּ" - מִיר זֶענֶען שׁוּלְדִיג אוֹיף אַלֶע צָרוֹת; וַוייל מִיר הָאבְּן זִיךְ נִישְׁט צוּגֶעהֶערְט וֶוען יוֹסֵף הָאט זִיךְ צוּ אוּנְז גֶעבֶּעהטְן מִיר זָאלְן אִים אַהֵיים טְרָאגְן צוּם טַאטְן. פוּן דֶעם לֶערְנֶען מִיר אַז דֶער עִיקָר וָואס דֶער בַּאשֶׁעפֶער ווִיל פוּן אַ אִיד אִיז, אַז עֶר זָאל זִיךְ מוֹדֶה זַיין אוּן אַלֶעס אוֹיסְפַּארְצֵיילְן פַאר אִים, דֶערְפַאר אִיז דִי חָשׁוּב'סְטֶע זַאךְ וֶוען אַ אִיד קוּמְט אוּן דֶערְצֵיילְט אוֹיס פַארְן אֵייבֶּערְשְׁטְן אַלֶעס וָואס עֶר הָאט גֶעטוּהן אוּן אַלֶע זַיינֶע דוּרְכְפֶּעלֶער וָואס עֶר הָאט, אוּן טַעְנָה'ט זִיךְ אוֹיס מִיטְן בַּאשֶׁעפֶער עֶר זָאל רַחְמָנוּת הָאבְּן אוֹיף אִים, סְפֶּעצִיעֶל אַ בָּחוּר קֶען זִיךְ אוֹיס'טַעְנֶה'ן

מִיטְן אֵייבֶּערְשְׁטְן: רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! אֱמֶת אִיךְ הָאבּ טַאקֶע גֶעזִינְדִיגְט, אָבֶּער אִיךְ וִויל דֶען זִינְדִיגְן? וָואס זָאל אִיךְ טוּהן אַז אִיךְ בִּין אַ בָּחוּר אוּן אִיךְ הָאבּ נִישְׁט מַיין זִיווּג! אוּן אוֹיבּ אִיז נִישְׁט גֶענוּג גֶעבְּסְטוּ מִיר נָאךְ אוֹיךְ אַ קְלָלָה פַּארְן נִישְׁט חֲתוּנָה הָאבְּן (קִדּוּשִׁין כט ע״ב)? רִבּוֹנוֹ שֶׁל עוֹלָם! אִיךְ בִּין גְרֵייט שׁוֹין יֶעצְט חֲתוּנָה צוּ הָאבְּן, פַאְרוָואס קוּמְט מִיר אַ קְלָלָה?! [אַ אִינְגֶערְמַאן אַז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער הָאט גֶעהָאלְפְן עֶר הָאט חֲתוּנָה גֶעהַאט אוּן עֶר הָאט אַ וַוייבּ, הָאט עֶר שׁוֹין נִישְׁט קַיין תֵּירוּץ אַז עֶר זִינְדִיגְט, וַוייל אַז עֶר הָאט בָּרוּךְ הַשֵּׁם אַן עֲקֶרֶת הַבַּיִת, עֶר הָאט פַּת בְּסַלּוֹ, דַארְף עֶר זַיין הֵיילִיג אוּן אָפְּגֶעהִיטְן פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס, אֱמֶת אַסַאךְ אִינְגֶעלַייט בַּאקְלָאגְן זִיךְ אַז זֵיי הָאבְּן אַ שְׁוֶוערֶע פְּרוֹי אוּן מֶען קֶען זֵיי נִישְׁט אַזוֹי בַּאשׁוּלְדִיגְן, דָאס אִיז אָבֶּער נִישְׁט קַיין תֵּירוּץ, וַוייל אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זֶעהן מִיט אַלֶע וֶועגְן אִין דֶער וֶועלְט זִיךְ אוֹיסְצוּקוּמֶען מִיט זַיין וַוייבּ, מֶען קֶען דִי שְׁוֶוערְסְטֶע פְּרוֹי אִיבֶּערְדְרֵייעֶן אַז מֶען וֵוייסְט וִוי אַזוֹי, אוּן אַז מֶען וֵוייסְט נִישְׁט פְרֶעגְט מֶען זִיךְ נָאךְ בַּיי דֶעם אוּן בַּיי יֶענֶעם בִּיז מֶען וֶוערְט גֶעוואוֹיר וָואס צוּ טוּהן, דִי גְרֶעסְטֶע חָכְמָה אִיז וִוי אַזוֹי מֶען קֶען צַאמְהַאלְטְן אַ שְׁטוּבּ אוּן וִוי אַזוֹי מֶען קֶען אַלֶעס אִיבֶּערְדְרֵייעֶן צוּם גוּטְן].

ו.

### פַּארְלָאז דִיךְ נָאר אוֹיפְן אֵייבֶּערְשְׁטְן

נָאךְ אַ מוֹרָא׳דִיגֶע זַאךְ זֶעהט מֶען אִין דִי סֶדְרָה אַז יוֹסֵף הַצַּדִּיק הָאט גֶעבֶּעטְן דֶעם שַׂר הַמַּשְׁקִים עֶר זָאל אִים דֶערְמַאנֶען פַאר פַּרְעֹה, אָבֶּער דֶער שַׂר הַמַּשְׁקִים הָאט נָאךְ אִין דֶעם זֶעלְבְּן טָאג פַארְגֶעסְן פוּן אִים, אוּן יוֹסֵף הָאט גֶעדַארְפְט זִיצְן אִין תְּפִיסָה נָאךְ צְוֵויי יָאר, זָאגְט דֶער מֶדְרָשׁ (בְּרֵאשִׁית רַבָּה פַּרְשָׁה פט, אוֹת ג): אַשְׁרֵי הַגֶּבֶר אֲשֶׁר שָׂם ה׳ מִבְטַחוֹ – זֶה

יוֹסֵף וְגוֹ'. וַוייל יוֹסֵף הָאט גֶעבֶּעטְן פוּנֶעם שַׂר הַמַּשְׁקִים עֶר זָאל אִים דֶערְמַאנֶען פַאר פַּרְעֹה, הָאט עֶר גֶעדַארְפְט זִיצְן נָאךְ צְוֵויי יָאר, כְּדֵי יוֹסֵף הַצַּדִיק זָאל אָנְקוּמֶען צוּם שְׁלֵימוּת און וויסְן אַז מֶען טָאר זִיךְ נִישְׁט פַּארְלָאזְן אוֹיף קַיין מֶענְטְשְׁן (עַיֵין רַשִׁ"י בְּרֵאשִׁית מ, כג). אַ מֶענְטְשׁ דַארְף וויסְן אַז מֶען קֶען זִיךְ אוֹיף קֵיינֶעם נִישְׁט פַּארְלָאזְן, קֵיינֶער קֶען דִיר נִישְׁט הֶעלְפְן אִין צַייט פוּן נוֹיט נָאר דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים אַלֵיין, דֶערְפַאר דַארְף מֶען זִיךְ נָאר וֶוענְדְן צוּם אֵייבֶּערְשְׁטְן, דֶעמָאלְטְס וֶועט מֶען הָאבְּן אַ זִיכֶערֶע יְשׁוּעָה, און מֶען וֶועט נִישְׁט וֶוערְן אַנְטוֹישְׁט.

**שַׁבָּת זֶעסְטוּ אַז אַלֶעס אִיז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער**

דֶערְפַאר אִין דִי הֵיילִיגֶע חֲנֻכָּה טֶעג דַארְף מֶען זִיךְ צוּגֶעוואוֹינֶען נָאר צוּ בֶּעטְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער און נָאר דַאנְקְן דֶעם בַּאשֶׁעפֶער, וֶוער רֶעדְט נָאךְ "שַׁבָּת חֲנֻכָּה" וָואס הָאט אִין זִיךְ אַ עֶקְסְטֶערֶע לֶעכְטִיגְקֵייט, עֶרְשְׁטֶענְס וַוייל שַׁבָּת קֶען אַ מֶענְטְשׁ פַארְעֶכְטְן אַלֶע עֲבֵירוֹת, פוּן אַלֶע דוֹרוֹת אָן אִיז שַׁבָּת דֶער גְרֶעסְטֶער תִּיקוּן פַארְן מֶענְטְשׁ, שׁוֹין בַּיי אָדָם הָרִאשׁוֹן וֶוען עֶר הָאט גֶעגֶעסְן פוּנֶעם עֵץ הַדַעַת טוֹב וָרַע, וָואס דֶעמָאלְטְס הָאט זִיךְ אָנְגֶעהוֹיבְּן אַלֶע צָרוֹת אוֹיף דֶער וֶועלְט, מֶען הָאט אָנְגֶעהוֹיבְן אוֹיסְמִישְׁן גוּטְס מִיט שְׁלֶעכְטְס (לִקּוּטֵי הֲלָכוֹת, בִּרְכַּת הַשַּׁחַר הֲלָכָה ג, אוֹת מא) מֶענְטְשְׁן הָאבְּן אָנְגֶעהוֹיבְּן פַּארְטוֹישְׁן פוּנֶעם בֶּן מֶלֶךְ מִיטְן בֶּן שִׁפְחָה (סִפּוּרֵי מַעֲשִׂיּוֹת מַעֲשֶׂה יא), אַנְשְׁטָאט אַ אִיד זָאל זִיךְ מְחַיֶה זַיין מִיט זַיינֶע גוּטֶע נְקוּדוֹת, סְפֶּעצִיעֶל מִיט דֶעם אַז עֶר גְלֵייבְּט בָּרוּךְ הַשֵּׁם אִין בַּאשֶׁעפֶער, "וִוי אַזוֹי אִיךְ קוּק נָאר אוֹיס, דָאךְ בָּרוּךְ הַשֵּׁם 'שֶׁלֹּא עָשַׂנִי גוֹי' - אַ גוֹי בִּין אִיךְ נִישְׁט", וֶוער רֶעדְט נָאךְ אַז בֶּאֱמֶת הָאט יֶעדֶע אִיד אִין זִיךְ אַסַאךְ נְקוּדוֹת טוֹבוֹת, אַ מְזוּזָה, תְּפִלִּין וְכוּ', אַנְשְׁטָאטְס דֶעם קוּמְט דֶער סַמֶ"ךְ-מֶ"ם עֶר צוּבְּרֶעכְט און צוּקְלַאפְּט דֶעם מֶענְטְשׁ, אַז עֶר אִיז גָארְנִישְׁט וֶוערְד, פַּארְשְׁטֵייט זִיךְ אַז נָאכְדֶעם פַאלְט עֶר דוּרְךְ

מִיט גְרָאבֶּע עֲבֵירוֹת וְכוּ׳, און אַז אַ מֶענְטְשׁ פַאלְט אַרַיין מִיט עֲבֵירוֹת נֶעמְט דָאס אִים אַוֶועק זַיין מְנוּחָה און רוּאִיגְקֵייט, עֶר פִילְט זִיךְ פַארְלוֹירְן און אוּמְצוּפְרִידְן, בִּיז עֶר לֶעבְּט אִין גֵיהִנוֹם, דָאךְ אָבֶּער הָאט אוּנְז דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער גֶעגֶעבְּן דֶעם הֵיילִיגְן שַׁבָּת טָאג, וָואס אוֹיבּ מֶען אִיז זוֹכֶה צוּ הִיטְן שַׁבָּת וֶוערְט אַלֶעס פַארְרָאכְטְן, מֶען גֵייט אַרוֹיס פוּן גֵיהִנֹם און צוּרִיק אַרַיין אִין גַן עֵדֶן, און אֲפִילוּ אֵיינֶער וָואס הָאט שׁוֹין רַחְמָנָא לִצְלָן גֶעזִינְדִיגְט מִיט עֲבוֹדָה זָרָה ווי דוֹר אֱנוֹשׁ אִיז מֶען אִים אוֹיךְ מוֹחֵל (שַׁבָּת קיח ע״ב), וֶועגְן דֶעם וֶוען אָדָם הָרִאשׁוֹן אִיז גֶעוָוארְן פַארְטְרִיבְּן פוּן גַן עֵדֶן הָאט אִים אוֹיךְ נָאר דֶער הֵיילִיגֶער שַׁבָּת גֶערַאטֶעוֶועט פוּן אַלֶעם שְׁלֶעכְטְס (זֹהַר תְּרוּמָה דַף קלח ע״א), וַוייל שַׁבָּת אִיז אֵיין שְׁטִיק אֱלֹקוּת, דֶעמָאלְטְס שְׁפִּירְט מֶען אָפְּן דִי לֶעכְטִיגְקֵייט פוּן בַּאשֶׁעפֶער (זֹהַר יִתְרוֹ דַף פח ע״ב), און אַז מֶען וֵוייסְט אַז דֶער בַּאשֶׁעפֶער אִיז דָא פַאלְט אַוֶועק אַלֶע שְׁלֶעכְטְס, אַלֶע קְלִיפּוֹת וּמַשְׁחִיתִים וֶוערְן בָּטֵל, און קֵיינֶער קֶען נִישְׁט צוּבְּרֶעכְן דֶעם מֶענְטְשׁ.

**פַארְוָואס פוּנְקְט שַׁבָּת בִּין אִיךְ צוּבְּרָאכְן?!**

דֶערְפַאר הָאט דֶער הֵיילִיגֶער רֶבִּי אָנְגֶעוָוארְנְט אַז שַׁבָּת דַארְף מֶען זַיין נָאר פְרֵיילִיךְ (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ״ן חֵלֶק ב, סִימָן יז), זֶעעֶן זֶעהט מֶען אַז דַוְקָא שַׁבָּת פַארְלֵייגְט זִיךְ דֶער סַמֶ״ךְ-מֶ״ם עֶס זָאל נִישְׁט זַיין פְרֵיילִיךְ אִין אַ אִידִישֶׁע שְׁטוּבּ, עֶס זָאל זַיין אַ אָנְגֶעצוֹיגֶענְקֵייט און אַ קַאלְטְקַייט אִין שְׁטוּבּ, זִי בְּלָאזְט עֶר בְּלָאזְט און מֶען רֶעדְט נִישְׁט צוּזַאמֶען וְכוּ׳, הֵייבְּן הֵייבְּט זִיךְ דָאס אָן עֶרֶב שַׁבָּת וֶוען דֶער סַמֶ״ךְ-מֶ״ם דְרֵייט אָן אוֹיף אַלֶע וֶועגְן עֶס זָאל זַיין קְרִיגֶערַייעֶן צְווִישְׁן מַאן און וַוייבּ אָדֶער מִיט דִי קִינְדֶער, בִּיז דִי גַאנְצֶע שְׁטוּבּ וֶוערְט אִיבֶּערְגֶעקֶערְט, נָאכְדֶעם אַגַאנְץ שַׁבָּת גֵייט מֶען מִיט דִי נָאז אַרָאפּ וְכוּ׳, פַארְוָואס טַאקֶע הָאט עֶר אַזוֹי מוֹרָא פוּן שַׁבָּת? וַוייל שַׁבָּת אִיז דֶער גְרֶעסְטֶער תִּיקוּן פַארְן מֶענְטְשׁ,

דֶער סַמֶ״ךְ-מֶ״ם וֵוייסְט זֵייעֶר גוּט דֶערְפוּן, דֶערִיבֶּער פְּרוּבִּירְט עֶר מִיט אַלֶע כּוֹחוֹת דָאס צוּ צוּשְׁטֶערְן, דֶערְפַאר דַארְף אַ מֶענְטְשׁ זַיין אַ חָכָם אוּן טוּהן אַלֶעס אִין דֶער וֶועלְט, דֶער עִיקָר אַסַאךְ בֶּעטְן דֶעם אֵייבֶּערְשְׁטְן, אַז דֶער שַׁבָּת זָאל אַרַיינְקוּמֶען מִיט שִׂמְחָה אוּן רוּאִיגְקֵייט, אָן קְרִיגֶערַייעֶן חַס וְשָׁלוֹם.

**פוּן דֶעם שַׁבָּת זַיי פְרֵיילִיךְ אוּן קְרִיג זִיךְ נִישְׁט מֶער**

דָאס אִיז גֶעזָאגְט גֶעוָוארְן יֶעדֶע שַׁבָּת פוּן אַגַאנְץ יָאר, וֶוער רֶעדְט נָאךְ שַׁבָּת חֲנֻכָּה וָואס דַאן אִיז פַארְהַאן אַ עֶקְסְטֶערֶע לֶעכְטִיגְקֵייט, חֲנֻכָּה שַׁיינְט דֶער אוֹר הַגָּנוּז וָואס הָאט גֶעלָאכְטְן פַאר אָדָם הָרִאשׁוֹן פַארְן חֵטְא (בְּנֵי יִשָּׂשכָר, מַאֲמָרֵי כִּסְלֵיו טֵבֵת, מַאֲמָר ב׳ תּוֹרָה אוֹר, אוֹת ח), דַארְף מֶען זִיכֶער אוֹיפְנֶעמֶען דֶעם שַׁבָּת מִיט אַ מוֹרָא׳דִיגֶע שִׂמְחָה, אוּן זֵייעֶר אַכְטוּנְג גֶעבְּן עֶס זָאל נִישְׁט זַיין קַיין מַחְלוֹקֶת אִין שְׁטוּבּ.

**קֶענְסְט אַגַאנְצֶע וָואךְ אוֹיךְ זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן לֶעבְּן מִיטְן שַׁבָּת**

יֶעצְט אַז דוּ הָאסְט אַזוֹי שֵׁיין אוּן פְרֵיילִיךְ אוֹיפְגֶענוּמֶען דֶעם שַׁבָּת, זָאלְסְטוּ זֶעהן אַרַיינְצוּצִיעֶן דֶעם לֶעכְטִיגְקֵייט אוֹיךְ אוֹיף אַגַאנְצֶע וָואךְ, אַ מֶענְטְשׁ דַארְף זֶעהן אַז אַגַאנְצֶע וָואךְ זָאל עֶר אוֹיךְ זַיין פְרֵיילִיךְ אוּן אוֹיפְגֶעלֵייגְט, לֶעבְּן אוּן אָטֶעמֶען מִיטְן שַׁבָּת, וַוארְטְן מִיט שִׂמְחָה וֶוען קוּמְט שׁוֹין דֶער הֵיילִיגֶער שַׁבָּת, אוּן פוּנְקְט וִוי מֶען צֵיילְט דִי טֶעג פוּן סְפִירַת הָעוֹמֶר אוּן מֶען וַוארְט אוֹיף קַבָּלַת הַתּוֹרָה, אַזוֹי זָאל מֶען יֶעדְן טָאג צֵיילְן דִי טֶעג וֶוען קוּמְט שׁוֹין שַׁבָּת קוֹדֶשׁ, וֶועגְן דֶעם זָאגְט מֶען טַאקֶע יֶעדְן טָאג בַּיים דַאוֶונֶען (בְּשִׁיר שֶׁל יוֹם): הַיּוֹם יוֹם רִאשׁוֹן בְּשַׁבָּת; הַיּוֹם יוֹם שֵׁנִי בְּשַׁבָּת; יֶעדְן טָאג דֶערְמַאנְט מֶען דֶעם הֵיילִיגְן שַׁבָּת, כְּדֵי

מֶען זָאל זִיךְ יֶעדְן טָאג צוּגְרֵייטְן צוּם שַׁבָּת, אַזוֹי אַרוּם אִיז מֶען מַמְשִׁיךְ דִי קְדוּשָּׁה דִי פְרֵיילִיכְקֵייט אוּן גַן עֵדֶן וָואס מֶען שְׁפִּירְט אִין שַׁבָּת אוֹיךְ אוֹיף אַגַאנְצֶע וָואךְ (לִקּוּטֵי מוֹהֲרַ"ן חֵלֶק ב, סִימָן ב).

**קוּק אוֹיף דִי גוּטֶע זַאכְן וָואס דוּ הָאסְט וֶועסְטוּ זוֹכֶה זַיין צוּ דִי גְאוּלָה**

דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער זָאל הֶעלְפְן מִיר זָאלְן שׁוֹין זוֹכֶה זַיין צוּ זֶעהן דִי סוֹף פוּן אַלֶע צָרוֹת עֶס זָאל זַיין "קֵץ שָׂם לַחוֹשֶׁךְ", מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין אַז עֶס זָאל שׁוֹין אוֹיפְלַייכְטְן דִי לֶעכְטִיגְקֵייט פוּן מָשִׁיחַ, וָואס אִיז סְפֶּעצִיעֶל מְסוּגָל אִין דִי חֲנֻכָּה טֶעג, אַזוֹי וִוי דִי סְפָרִים בְּרֶענְגֶען אַז מָשִׁי"חַ אִיז דִי רָאשֵׁי תֵּיבוֹת: מְ'זוּזָה יְ'מִין חַ'נֻכָּה שְׂ'מֹאל; וֶוען מֶען הָאט דִי מְזוּזָה אוֹיף דִי רֶעכְטֶע זַייט אוּן דִי חֲנֻכָּה מְנוֹרָה אוֹיף דִי לִינְקֶע זַייט דֶעמָאלְטְס וֶועט זַיין דִי גְאוּלָה. דָאס הֵייסְט אַז אַ מֶענְטְשׁ וֶועט ווִיסְן אַז אֲפִילוּ וֶוען עֶר אִיז נֶעבֶּעךְ אוֹיף דִי לִינְקֶע זַייט אוּן עֶס קוּקְט אִים אוֹיס זֵייעֶר בִּיטֶער אִיז דָארְט אוֹיךְ דָא דֶער אוֹר הַגָּנוּז, דֶער אֵייבֶּערְשְׁטֶער אִיז דָארְט אוֹיךְ בַּאהַאלְטְן, אָפְּגֶערֶעדְט אַז עֶר קוּקְט אוֹיף דִי רֶעכְטֶע זַייט הָאט עֶר דָאךְ אַ מְזוּזָה שְׁטֶענְדִיג אוֹיף דִי טִיר, אוּן אַז עֶר וֶועט זִיךְ שְׁטֶענְדִיג דֶערְהַאלְטְן אוּן זִיךְ מְחַיֶה זַיין מִיט וָואס עֶר קֶען נָאר, דַאן וֶועט אִים אוֹיפְשַׁיינֶען דִי לֶעכְטִיגְקֵייט פוּן דִי גְאוּלָה, זָאל דֶער בּוֹרֵא כָּל עוֹלָמִים הֶעלְפְן מִיר זָאלְן זוֹכֶה זַיין צוּ דֶעם.

~תָּם וְנִשְׁלַם שֶׁבַח לָאֵל בּוֹרֵא עוֹלָם~